בס"ד

## קונטרס

# חומה בצורה

א קלארער אפשאצונג איבער דעם מכשול
וואס האט זיך אנטוויקלט אין קרית יואל,
ווען געוויסע יחידים האבען פורץ גדר געווען און מסדר קידושין געווען
אין קרית יואל והגלילות בלי רשות המרא דאתרא

**דער קונטרס איז געציהלט מסביר צו זיין אין א לייכטע שפראך דאס הארבקייט פון די פירצה, ווי אויך דעם אומריינעם ציהל פון די פורצי גדר און זייערע נאכפאלגער.**

יו"ל ע"י

**התאחדות אברכים**

**שע"י קיט"ל דסאטמאר**

קרית יואל

ניסן תש"ע לפ"ק

# תוכן הקונטרס


**אריינפיר** ........ ג

**מכתב קודש ופסק הלכה**
מאת כ"ק מרן רביה"ק זי"ע ........ יד

**פסק הלכה**
של הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א ........ יח

**תקנת הקהילה** ........ כג

**ארטיקל**
א שטעטל אין אמעריקע אזויווי אינדערהיים ........ כד

**מכתב גלוי**
אל אחד מהרבנים המנסים לערער על
פסק דינו של הגה"צ דומ"ץ דמתא שליט"א ........ לג

**דברים אמיתיים, קילורין לעינים!**
געזאגט געווארן ביי פארשידענע דורך
הרה"ג ר' משה מנחם טירנויער שליט"א ........ לה

**דרשת הרב הגאון רבי בנציון לאוב שליט"א**
אצל ה"אסיפה כללית" דקהל יטב לב ........ מב

**עת לחשות ועת לדבר!** ........ מח

**דער אמת איבער די "מכתבי קודש"** ........ סג

**דאקומענטן** ........ סה

**ויכתב זאת לדור אחרון** ........ עג

# אריינפיר

נישט מיט קיין לייכט געמיט איז אנגענומען געווארן דער באשלוס ארויסצושיקן דעם קונטרס פארן גאנצן ציבור. ס'איז אונז העכסט אומאנגענעם צו דארפן רעדן פון די טעמע בכלל, נאכדערצו אינדרויסן פון אונזערע אייגענע ד' אמות. אבער דער מלך החכם האט שוין געזאגט ההכרח לא יגונה ולא ישובח.

דער ענין איז ליידער אן ענין וואס באריערט יסוד קדושתן של ישראל, און זי קען עווענטועל נוגע זיין פאר יעדן איינציגן איד באשר הוא. דערפאר זענען מיר געצווינגען ארויסצוקומען מיט א ברייטע אויפקלערונג פאר אידן אומעטום אז מ'זאל וויסן צו זיין אויפמערקזאם און חלילה נישט נכשל ווערן ביי אזא הייקעלן ענין ווי סידור קידושין און שלימות המשפחה, וואס באריערט דעם סאמע פרינציפ פון אויפשטעלן אידישע שטיבער, אויף וואס כלל ישראל איז באזירט.

די רעדע איז פון א געוויסע גרופע אין דער עיר הגדולה לאלקים, קרית יואל, וועלכע פרובירן שוין יארן לאנג אונטערצוברעכן די רוחניות'דיגע הנהגה אין די שטאט, . קיין שום מיטל איז ביי זיי נישט פסול אויב דינט עס דעם צוועק פון אונטערברעכן די הנהגה רוחנית, און יעצט האבן זיי זיך דערקייקלט ביז אזוי ווייט ווי עובר זיין אויף דעם הארבן חרם פון ר"ת און די אנדערע ראשונים, וואס איז הונדערטער יארן געווען א חומה בצורה ביי הונדערטער קהלות ישראל אין דער אלטער היים.

## באתרי' דמר טאר קיינער נישט פסק'נען

בשנים כתיקונם, ווען וועלט איז געווען וועלט, וואלט בכלל נישט אויסגעפעלט קיין לאנגע הסברים. ווען מ'קוקט אריין איבעראל אין די פוסקים און די שו"ת ספרים לענגאויס אלע תקופות בקורות בית ישראל זעט מען ווי שארף אלע גדולי ישראל זענען געווען בנוגע פסק'נען א הלכה דארט וואו ס'איז דא א רב און/אדער א דיין אין די שטאט.

אין קרית יואל דינט שוין צענדליגער יארן מאז התייסדותה הגאון הגדול, מגדולי פוסקי דורינו, הגאון רבי שלום אליקים געציל בערקאוויטש שליט"א בעל שו"ת אגלי דבש, אלס דיין ומורה הוראה לדון ולהורות אין אלע עניני איסור והיתר אין שטאט.

ער איז דער איינציגער דיין פאר וועמען רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע, דער מייסד הקריה, האט איבערגעגעבן דעם כח הוראה לדון ולהורות אין די הלכה'דיגע שאלות אין שטאט,, און זיין הוראה איז דערפאר די איינציגע וואס איז מאסגעבנד אין יעדע הלכה און הוראה וואס איז נוגע פאר די שטאט קרית יואל! ובכללם די איצטיגע נושא פון קידושין.

ממילא וואלט באמת געווען איבריג דאס ווייטערדיגע באפאסן זיך מיט די טעמע, ווייל אין אחרי מעשה בי"ד כלום, און נאכדעם וואס דער דיין שליט"א האט שוין ארויסגעגעבן זיין הוראה בכתב ובעל פה איז נישט שייך צו מערער זיין און מחולק זיין דערויף וויבאלד דאס איז א ריין אינערליכע ענין פאר די שטאט קרית יואל. וואס אויף דעם איז ער נסמך געווארן פון רביה"ק זי"ע אלץ דומ"ץ דמתא, אבער ווי געזאגט וואלט דאס געווען בשנים כתיקונם, ווען וועלט וואלט געווען וועלט.

ליידער איז דער מצב אזוי, אז די גרופעס שטעלן זיך נישט אפ פאר גארנישט. זיי האבן מפרסם געווען 'פסקים' און בריוו וועלכע זוכן זיך צו פארמעסטן 'עמי בבית' מיטן כח ההוראה און קלארן דעת תורה פונעם דומ"ץ שליט"א, און דאדורך האבן זיי איבערגעגעבן דעם לכאורה תורה'דיגן סכסוך אין די הענט פונעם המון.

און היות ווי חז"ל האבן אונז שוין באפוילן אז בדברי תורה איז ענה כסיל כאולתו, דערפאר זענען מיר געצווינגען ארויסצוקומען ברבים נישט נאר אפצוענטפערן די טענות וועלכע שפראצן ארויס כסדר חדשים לבקרים צו מטהר זיין את השרץ בק"ן טעמים, נאר אויך – און בעיקר - כדי מעורר צו זיין אידישע קינדער זיי זאלן חלילה נישט נכשל ווערן מיט דעם הארבן חרם הקדמונים און פורץ זיין גדרן של ראשונים, רח"ל.

## עס האט מיט פאליטיק גארנישט

עס דארף דא באלד קלאר געשטעלט ווערן איין וויכטיגער פאקט.

די חברה פרובירן עס כסדר אראפצומאלן ווי א פאליטישער געפעכט צווישן צוויי קעגנערישע זייטן, און פרובירן דורך דעם מיטל אפצוקילן די הערצער פון די יראי ה' וועמען עס פאכעט פארט דאס הארץ און האבן מורא נכשל צו ווערן אין אזא הארבן חרם, מיטן חשבון איז דאס האט מיט די הלכה גארנישט, עס איז א בלויזע שאלה פון 'מי בראש' וכדומה.

דער טרוקענער פאקט איז אבער פונקט פארקערט, פון אונזער זייט איז די יעצטיגע מערכה בכלל נישט אויסגעהאלטן פאליטיש. עס האט נאך קיין איין 'פאליטיקאנט' נישט קאמפלימענטירט דאס 'וויכטיגקייט' פון די גאנצע מערכה, און עס ברענגט נישט קיין שום ריווח און פארדינסט אויפן פאליטישן פראנט. אדרבא, מיר וואלטן געקענט זיך לייכט באגראבן דעם קאפ אין זאמד דורך נוצן פארשידענע תירוצים – פון די נקודות וואס ווערט באמת גענוצט דורך די ליצני הדור – וואס וואלט אונז איינגעשפארט אסאך קאפ ווייטאג און בעסער געדינט א פאליטישן צוועק, כמובן.

די איינציגע סיבה פארוואס עס איז אויפגעהויבן געווארן א קול מחאה איז פראסט און פשוט וויבאלד הגאון הדומ"ץ שליט"א –אלץ אחריות וואס ער האט אויף אלע עניני העיר, זייענדיג מצוה ועומד מפי רביה"ק זי"ע- האט אויפגעהויבן א קול מחאה אז דאס טאר מען נישט צולאזן ווייל עפ"י הלכה איז אזא סידור קידושין נישט אויסגעהאלטן! און במילא איז חל דערויף די אלע שארפע אזהרות וחרמות פון די ראשונים ואחרונים זי"ע איבער א סידור קידושין שלא ברשות המרא דאתרא! דאס איז די טרוקענע הלכה און דאס איז יעדן מחייב, צי ס'שמעקט אונז פאליטיש אדער נישט.

און בלויז דאס איז די סיבה פארוואס הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א – וואס אויסער זיין געוואלדיגער גדלות בתורה איז גוט באקאנט אז ער איז אלע יארן געשטאנען הרחק כמטחוי קשת פון פאליטישער שמוץ, אין דער זעלבער צייט וואס אנדערע האבן כסדר זיך געלאזט הערן – איז דאסמאל ארויס מגדרו און אויסגערופן א קול מלחמה במחנה קעגן די דאזיגע פורצי גדר ! און מוציא געווען ברבים מה דינם פון די פורצי גדר.

אויב איז דאס נוגע אן הלכה, דאס איז נוגע דעם יסוד קדושתן של ישראל, זענען מיר אריינגעצווינגען געווארן אין די מערכה נגד רצוננו, נאר מחמת מיר מוזן טון וואס די תורה און די הלכה הייסט, אזוי ווי אנדערע זאכן וואס ערליכע אידן מוזן טון ווייל אזוי הייסט די תורה.

## איש על העדה

כדי צו קענען אויסקלארן די גאנצע טעמע מוז מען קודם מאכן א קורצע הקדמה צו פארשטיין מאַין באו, ולאן הם הולכים. וואס איז זייער ציל אין די גאנצע מערכה.

באלד נאך די הסתלקות פון אבינו רועינו רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע, איז מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אויפגענומען געווארן דורך רוב מנין ורוב בנין פון אנ"ש אין שפיץ פון די הנהלת הקהלה אלס פולקאמער ממלא מקום פונעם כח הרבנות פון זיין הייליגן פעטער זי"ע. וואס איז געקומען אויפ'ן דירעקטן פארלאנג פון אלע גדולי הדור וועלכע האבן געווארנט און געמאנט פון די ראשי וחברי הקהלה אז זיי זאלן זיך ח"ו נישט לאזן פארפירן פון די עלעמענטן וועלכע האבן געזוכט אנצוהייבן א נייע עפאכע פון הפקרות, ווען ס'זאל זיין איש כל הישר בעיניו יעשה.

צווישן די גדולי ישראל וועלכע האבן זיך געשטעלט אונטער דעם התמנות האבן זיך געציילט די גרעסטע לייבן פון יענעם דור, אין שפיץ פון אזוינע ריזן ווי דער פוסק הדור מרן בעל מנחת יצחק זצ"ל גאב"ד ירושלים, הגה"ק הרמ"א פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים ואתם עמם הרבנים הגאונים הצדיקים חברי בי דינא רבא דירושלים עיה"ק זכר כולם לברכה; ווי אויך די זקני שיירי כנה"ג כ"ק הגה"צ מפאפא זצ"ל, כ"ק הגה"צ מפשעווארסק זצ"ל; הגה"צ מצעלים זצ"ל; הגה"צ מראחוב זצ"ל; כ"ק אדמו"ר מסקולען זצ"ל; כ"ק אדמו"ר מספינקא זצ"ל; כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל; און נאך פילע רבנים גאונים וצדיקים פון וועלכן דער גרעסטער טייל געפינט זיך שוין בעלמא דקשוט.

דער גרעסטער טייל פון אנ"ש האט דאן מקבל מרות געווען פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס איז אויפגענומען געווארען ביי די גרויסארטיגע הכתרה נאכ'ן ערשטן יארצייט.

אבער תיכף ומיד איז ויבא גם השטן בתוכם.

**"אין קרית יואל דינט שוין צענדליגער יארן מאז התייסדותה הגאון הגדול, מגדולי פוסקי דורינו, הגאון רבי שלום אליקים געציל בערקאוויטש שליט"א בעל שו"ת אגלי דבש, אלס דיין ומורה הוראה לדון ולהורות אין אלע עניני איסור והיתר אין שטאט.**
**ער איז דער איינציגער דיין פאר וועמען רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע, דער מייסד הקריה, האט איבערגעגעבן דעם כח הוראה לדון ולהורות אין די הלכה'דיגע שאלות אין שטאט„ און זיין הוראה איז דערפאר די איינציגע וואס איז מאסגעבנד אין יעדע הלכה און הוראה וואס איז נוגע פאר די שטאט קרית יואל! ובכללם די איצטיגע נושא פון קידושין."**

א קומץ פון "אינשי דלא מעלי", די געוועזענע "שטוב מענטשן", האבן אונטערגענומען אן אויסטערלישן הסתה קאמפיין קעגן די הנהגה מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע און במשך די יארן האט זיך די הסתה אריבערגעצויגן אויך קעגן בנו הגדול והחביב כ"ק מרן רבינו שליט"א בפרט, און קעגן די גאנצע קהלה קדושה יטב לב ד'סאטמאר בכלל, וואס גייט שוין אן צענדליגער יארן און האט זיך נישט אפגעשטעלט ביז'ן היינטיגן טאג, טראץ וואס דער קאמפיין האט גאנץ אפט געטווישט שלייער און פירער.

פארשטייט זיך אז זיי האבן נישט געקענט ארויסקומען צום ציבור און זאגן אפן זייער שיטה אז מ'דארף אלעס אונטערברענגען בלויז דערפאר וואס זיי האבן פארלוירן די שררה. דעריבער האבען זיי בוחר געווען מחדש צו זיין א נייע טענה, דהיינו, אז "סאטמאר טאר נישט אויפנעמען קיין ממלא מקום, ווייל ס'איז 'א בזיון' פאר רביה"ק זי"ע". פון היינט און ווייטער איז סאטמאר א שטח הפקר וואו ס'טאר נישט זיין קיין מנהיג.

## השטן הבוחר בירושלים

אויב אין אנדערע מקומות פזוריהם פון אנשי שלומינו האבן די מענטשן געהאט א קלענערע השפעה, איז די מעשה געווען אנדערש אין קרית יואל וואו די אלטע גווארדיע איז געווען הויפטקווארטירט.

דארט האבן זיי יא פרובירט איינצושטעלן זייער אלט/נייע ארדענונג, ווען אין הונטערגרונד ליגט באהאלטן די אמת'ע מערכה פון צאפן דאס בלוט פאר'ן רבי'ן מרן הבר"מ זי"ע מיט די האפענונג אז ער וועט ח"ו געבראכן ווערן אונטער זייערע רדיפות. מיט'ן חשבון אז נאכדעם וואס דער רבי זי"ע וועט אפגעשוואכט ווערן אין קרית יואל וועט מען עווענטועל קענען אונטערברעכן גאנץ סאטמאר.

פון גאנץ אנהייב האבן זיי פרובירט צו שטערן די אויפנאמע פונעם רבי'ן זי"ע אלס מרא דאתרא אין קרית יואל אויך נאכדעם וואס גאנץ סאטמאר הכל קצוי תבל האט מקבל מרות געווען, האבען זיי פרובירט צו טענ'ן אז קרית יואל איז נישט בכלל.

ווען זייער פלאן האט זיך נישט איינגעגעבן, ובמיוחד נאכדעם וואס די גרויסארטיגע הכתרה וואו די טויזנטער סאטמארע חסידים אין שפיץ פון די גדולי הדור האבן מקבל געווען דעם רבי'ן זי"ע אלס אויסשליסליכער מנהיג פון די סאטמארע עדה איז פארגעקומען דייקא אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, האבן זיי אונטערגענומען זייער 'צוברעכן' סטראטעגיע. גם לי גם לך לא יהיה.

שפעטער ווען דער רבי זי"ע האט ממנה געווען בנו הגדול והחביב, כ"ק מרן רבינו מהר"א ט"ב שליט"א, אלס מרא דאתרא אין די שטאט קרית יואל, מיטן די קלארע הכרה אז זיין כח התורה והקדושה וועט אהערשטעלן א פעסטע באזע פאר קהלתינו הק' אין די שטאט, האבן זיי אים אויך אראפגעשטעלט אלס ציל ברעט וועלכער זאל מיטיילן די חיצים ובליסטראות וואס האבן נישט אויפגעהערט צו פליען אין ריכטונג פון סאטמאר.

## דער פירוד באקומט א נאמען

דאס ארט איז צו קורץ אויסצורעכענען די גאנצע השתלשלות אין די לאנגע קייט פון זייערע מעשי השחתה. אבער דער קלימאקס איז געקומען אין יאר תשמ"ט, ווען זיי האבן גענומען א מקח רע לעצמם דורך עפענען אייגענע מוסדות מיטן איין און איינציגן ציל פון צוברעכן דעם כח פון די הנהגה רוחנית, דעם כח פון מרא דאתרא, מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע און כ"ק מרן רבינו שליט"א.

בשעתו זענען פילע גדולי ישראל, אין שפיץ פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, דער פוסק הדור בעל מנחת יצחק זי"ע גאב"ד ירושלים ובית דינו הגדול די חברי הבד"ץ פון ירושלים עיה"ק זכר כולם לברכה, און א צאל גאונים וצדיקים פון איבער דער גארער וועלט ארויסגעקומען גאר שארף קעגן די גרופע און זיי געווארנט אז די מעשה הירוס איז אסור בכל החומר, און גע'אסר'ט אלע זייערע פעולות מיט אזהרות והתראות חמורות. **[זעט בייגעלייגט די פאטאסטאטן פון די שארפע אזהרות און איסורים אויף זייט סה, סו, סז]**.

ליידער זענען די ווערטער פון גדולי ישראל געפאלן אויף טויבע אויערן, און עס איז שוין אריבער צוואנציג יאר וואס זיי זענען זיי עומדים במרדם און גייען אן מיט זייער פארביסענעם קאמף צו צוברעכן די רוחניות'דיגע הנהגה אין שטאט כדי צו דערגרייכן זייער ציל אז די שטאט זאל ווערן הפקר אז זיי זאלן קענען טון דארט מה שלבם חפץ.

בחסדי ה' איז זיי נישט געלונגען להוציא זממם הרע און ביז'ן היינטיגן טאג ווערט די שטאט ב"ה געפירט מיט א פעסטע האנט אונטער די תורה'דיגע הנהגה פון דעם מרא דאתרא, כ"ק מרן רבינו שליט"א, די שטאט וואקסט און בליעהט לשם ולתפארת דאס גאנצע יהדות החרדית, טויזענטער ערליכע אידישע שטובער ווערן געפירט ע"ד רביה"ק זי"ע, די ג' עמודי העולם תורה עבודה גמ"ח, ווערט כסדר נתחזק אויף א געוואלדיגן פארנעם, לשמחת לב כל יראי ה' וחושבי שמו וואס זעהן און קענען אביסל די הצלחה פון קרית יואל.

אבער הרשעים כים נגרש, די הצלחה טוט זיי וויי, יעדע דבר שבקדושה, יעדע פעולה למען כבוד שמים, יעדע הרחבת גבולי הקדושה, שטעכט זיי ווי א דארן אין אויג, ווייל דאס איז די ראי' מוכחת אז זייער אידיאלאגיע איז באנקראט, בהבל המה ישאם הרוח, און צוליב דעם פרובירן זיי דאס אונטערברעכן.

## ויקומו לצחק

ווען אלע אנדערע מיטלען האבן זיך ארויסגעשטעלט אלס צו שוואך, און די קהלה קדושה איז געבליבן פעסט טראץ די אומאויפהערליכע 30 יאריגע מלחמה, האבן זיי אצינד באשלאסן, צו גיין א פרישן שריט דורכצוברעכן די חומה בצורה און חרם הקדמונים קעגן סידור קידושין אין א שטאט שלא ברשות פונעם מרא דאתרא.

זיי האבן אויפגעבויט א חתונה זאל אין די גלילות פון די שטאט, און פארגאנגענעם מיטוואך פר' בשלח איז דארט פארגעקומען צום ערשטן מאל די שרעקליכע פירצה ווען עס איז געווען א קידושין אן רשות פונעם מרא דאתרא.

## וואס מיינט א רוחניות'דיגע הנהגה

היות ווי בימינו איז נישט אזוי שכיח אז א גאנצע שטאט זאל זיך געפונין אונטער דעם מרות פון א מרא דאתרא, בפרט אין אמעריקע וואו עס איז בדרך כלל נישט מעגליך געווען אויפצושטעלן שטעט אויפן שטייגער פון דער אלטער היים, דעריבער זענען פאראן מענטשן וואס פארשטיין נישט דעם רוחניותדיגן נזק און עס קען זיך דאכטען פאר זיי, אז דא האנדעלט זיך אין עפעס א סכסוך וואס איז זיי נישט נוגע, בפרט אזוינע וואס וואוינען אין געגנטער וואו ס'איז טאקע נישט פאראן קיין הנהגה רוחנית און באגרייפען נישט דאס נחיצות פון א כח מרא דאתרא.

רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע דער מייסד הקרי', דער מקים עולה של תורה ויראה אין אמעריקע האט גוט געוואוסט דעם פונדאמענטאלן חורבן פון אמעריקע, דער איש כל הישר בעיניו יעשה, ער האט דאס ברוחב בינתו אנערקענט פון די ערשטע מינוט, און ווי ער ערקלערט דאס ענין אין זיין הייליגן חיבור ויואל משה (בנוגע דעמאקראטיע) און דעריבער האט ער געארבעט בשארית כוחותיו לאנגע יאהרען צו גרינדן די שטאט קרית יואל על שמו ולזכרו, מיט דער הויפט כוונה אז דאס זאל זיין אויפן פארמאט פון א שטאט אינדערהיים מיט א געהעריגע רוחניות'דיגע הנהגה און אויפזיכט וואס זאל שטיין אויף דער וואך קעגן אלע פגעי הזמן. און ער האט דאס קלאר געזאגט אז דאס איז זיין ציהל און דאס איז זיין שטרעבן.

מ'דארף נישט מער ווי כאפן א בליק אויף די אפליקאציעס וואס די ערשטע תושבי העיר האבן געדארפט אונטערשרייבן בעפאר זיי האבן געקענט באקומען א דירה דא אין די שטאט, וואו עס ווערט קלאר ארויסגעברענגט אז דער נייער תושב ווארפט זיך געינצליך אונטער די רוחניות'דיגע הנהגה פון די שטאט **[זעט בייגעלייגט פאטאסטאט אויף זייט עא]**. איבער די שפאלטן פון דעם דאזיגן קונטרס ווערט דער פאקט אויף קלאר ארויסגעברענגט אינעם העכסט באלערנדן ארטיקל "א שטעטל פונקט ווי אינדערהיים".

און דער מציאות באווייזט ווירקליך אז אין קרית יואל האט מען ב"ה באוויזן אויפצוטון אומגלויבליכע פעולות לטובה אויף אלע געביטן בפרט אין עניני קדושה וצניעות, אפילו זאכן וואס מ'האט נישט געקענט דורכפירן ערגעץ אנדערש, בלויז דערפאר וואס קרית יואל איז א שטאט מיט א מרא דאתרא און סמכות עליונה.

והאמת ניתן להאמר, אז גאנץ קרית יואל געניסט פון די הנהגה רוחנית, טאקע אויך די מהרסים וואס האבן ליידער באוויזן אזויפיל צו באקעמפן און שטערן דעם כח הנהגה במשך די יארן, זיי אליין בענעפיטירן אזויפיל פון די הנהגה רוחנית, דאס וואס אונזערע גאסן זענען ב"ה משומר מן המזיקין, עכ"פ פולפאכיג מער ווי אויף אנדערע מקומות, און די שטארקע הקפדה קעגן/געגן יעדע סטי' קלה, די שטארקע גדרים וסייגים וואס באהיט די גאסן פון די שטאט, וואס פון דעם לויטערן לופט אטעמען אלע תושבי העיר צוגלייך.

## די הלכה האט זיך נישט געטוישט,
## און וועט זיך קיינמאל נישט טוישן!

יעדער באזעסענער מענטש פארשטייט אז טראץ וואס אין רוב אידישע ישובים איז נישט געלונגען אדער איז נישט שייך איינצושטעלן קיין צענטראלע רוחניות'דיגע הנהגה, קען דאס בשום אופן נישט גענוצט ווערן אלס אויסרייד מהרס צו זיין די הנהגה רוחנית דארט ווי עס איז איינגעשטעלט. בפרט דארט וואו די הנהגה רוחנית איז געווען די עיקר מטרה פונעם גרויסן מייסד פון די שטאט, מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע.

פונקט ווי יעדער פארשטייט אויך היינט אז אין שיכון סקווירא אדער קרית טאהש עקזיסטירט א שטאטישע קהלה מיט א רוחניות'דיגע הנהגה, און דער וואס גייט עס דארט צוברעכן פאלט אונטער די הארבע חרמות ואיסורים וואס די ראשונים האבן גוזר געווען, און דאס זעלבע אין די אנדערע שטעט וואו ס'איז יא איינגעפירט די תקנה און חרם קעגן סידור קידושין שלא ברשות המרא דאתרא. נאכמער, אויך אין דער אלטער היים זענען געווען פילע גרויסע שטעט וואו עס האבן אין די לעצטערע יארן נישט געדינט קיין רבנים, און עס האט זיך נישט געפינען דארט קיין צענטראלע קהלה, א שטייגער ווי ווארשא, קראקא, וויען, אא"וו. פארט איז קיינעם נישט עולה על הדעת געווען צו טראכטן אז לכבוד דעם ווערט שוואכער דער כח פון מרא דאתרא און תקנות הקהלות אין אלע אנדערע שטעט.

טאקע דער מכתב קודש פון רביה"ק זי"ע וואס ווערט ציטירט אינעווייניג, וואו דער רבי חזר'ט איבער די אלטע תקנה ואזהרה מיטן חרם הראשונים, און ער איז נאך מוסיף משל עצמו גאר שארפע ווערטער, טראצדעם וואס דאס איז געשריבן געווארן אין א צייט וואס עס האט שוין נישט עקזיסטירט קיין צענטראלע קהלות אין כמה וכמה פון די גרויסע שטעט

מיט דעם אלעם האט יעדער פארשטאנען אז דאס איז א קשיא, נישט קיין תירוץ. דאס אז ס'איז ליידער נישט געלונגען איבעראל אנצוהאלטן אדער אויפשטעלן א צענטראליזירטן רוחניות'דיגן כח טוט גארנישט פארמינערן פון דעם הארבן איסור און די שרעקעדיגע עונשים וואס זענען חל אויף דעם וואס גייט אין א פלאץ וואו ס'איז יא דא א מרא דאתרא און טוט א פעולה צו צוברעכן זיין כח.

## דער אמת שווימט ארויף

ליידער האט מען טאקע אויך באקומען די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן ווי ווייט יענער צד האט יורד געווען עד לתהום, ווען זיי האבן זיך געטרויעט בשנת תשנ"ח אריינצוגעבן א שוידערליכע קלאגע אין געריכט, וואו זיי האבן צווישן אנדערן זיך באקלאגט קעגן דעם מרא

דאתרא, כ"ק מרן רבינו שליט"א, אז היתכן ער האט געארבעט צו פארטרייבן א מחלל שבת בפרהסיא פון די הייליגע שטאט קרית יואל!

זייערע שענסטע אידן האבן בלינדערהייט פרובירט צו פארטיידיגן די נידערטרעכטיגע מסירה רח"ל, ווייל אזוי האבן די פארטיי אינטערעסן דיקטירט! **[זעט בייגעלייגט פאטאסטאט פון שארפן קול קורא דורך מערערע רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א וועגן דעם ענין, אויף זייט ע, וואו זיי קלאגן אויף דעם שענדליכן מצב ווי נידריג די פורקי עול זענען אנגעקומען].**

טראץ וואס יעדער מיט אויגן אין קאפ האט זיך דאן געקענט איבערצייגן ווי טיף זיי זענען געזינקען, האט עס ליידער אבער נישט געווירקט אויף די וועלכע זענען שוין געווען געגנוג פארבלענדט, טחו עיניהם מראות, און זיי זענען ווייטער אנגעגאנגען מיט אלע כוחות צו שטיצן סיי ווען וואס טוט נאר עפעס אונטערצוברעכן דעם כח ההנהגה אין די שטאט.

## נישט קיין "קהלה", נישט קיין "נתפרדה", און נישט קיין "בהיתר"!

אינעווייניג אינעם קונטרס, און באזונדער אינעם רייכן בירור הלכה וואס ווערט עקסטער ארויסגעשיקט און איז אויסגעארבעט געווארן דורך עטליכע חשוב'ע תלמידי חכמים, מחשובי רבני מבצר הכוללים בקרית יואל, וועלן ווערן אויסגעשמועסט פארשידענע פרטים וואס איז נוגע די גאנצע ווייטאגליכע פרשה.

**"דער קיבוץ של אנשים איז נישט קיין 'קהלה' וואס האט זיך 'אפגעטיילט' פון די ארגינעלע קהלה צו גרינדן א פרישע אייגענע קהלה מאיזה סיבה שהוא. עס איז נישט מער ווי א צוזאמענלויף פון מערערע פראקציעס און אינטערעסן-גרופעס וואס איז בהפקירא ניחא להו, יעדער מיט זיין פריוואטן חשבון און אייגענע כוונה, און דער איינציגער געמיינזאמער ציעל צווישן זיי איז דאס צוברעכן די רוחניות'דיגע הנהגה."**

באזונדער ווערט שטארק צולייגט די טענה כאילו זיי זענען א "קהלה שנתפרדה", און דערמיט זענען זיי זיך תולה באילן גדול פון הגאון האדיר מסעמיהאלי זצ"ל אין שו"ת מהרש"ג, כאילו דאס זאל דינען אלס בארעכטיגונג און היתר פאר זייערע מעשי נבלה.

אפגעזען פון די סילופים וזיופים מיט וואס זיי באנוצן זיך אין די דברי הפוסקים, ווי קלאר ארויסגעברענגט אינעם הלכה'דיגן בירור, און אפגעזען פונעם פאקט אז דער מהרש"ג דרוקט קלאר ארויס אז יענע קהלה האט זיך אפגעטיילט "בהיתר", אינדערצייט וואס אין קרית יואל האבן אלע גדולי הרבנים געאסר'ט דאס אפטיילן זיך פון די ארגינעלע קהלה, איז דער גאנצער יסוד א פשוט'ער ליגנט!

דער קיבוץ של אנשים איז נישט קיין 'קהלה' וואס האט זיך 'אפגעטיילט' פון די ארגינעלע קהלה צו גרינדן א פרישע אייגענע קהלה מאיזה סיבה שהוא. עס איז נישט מער ווי א צוזאמענלויף פון מערערע פראקציעס און אינטערעסן-גרופעס וואס איז בהפקירא ניחא להו, יעדער מיט זיין פריוואטן חשבון און אייגענע כוונה, און דער איינציגער געמיינזאמער ציעל צווישן זיי איז דאס צוברעכן די רוחניות'דיגע הנהגה.

**זיי האבן זיך קיינמאל נישט אונטערגעווארפן אונטער קיין שום רב ומנהיג. ווייל זייער ציל איז "נישט" זיך אפצוטיילן און זיך משעבד זיין צו א אן אנדערע תורה'דיגע הנהגה, נאר פארקערט זיך צו באפרייען פון יעדן תורה'דיגען שעבוד. זייער ציל איז אך ורק דאס וואס זיי זאגן אליין אז "קיינער זאל מיר נישט איינטיילן וואס איך מעג יא אדער נישט טון"!**

נאכמער, אפילו די רבנים אויף וועמען זיי פאררופן זיך מזמן לזמן טוישן זיי אליין חדשים לבקרים לויט זייערע געברויכען. דער זעלבער רב איז איין טאג א צדיק וקדוש און מארגן איז זיין מיינונג גענצליך אפגעפרעגט אויב ס'שטימט נישט באיזה אופן מיט זייער פריוואטע אגענדע.

אין יעדע ערליכע קהלה ווערט נישט אונטערגענומען קיין שום שריט אן א קלארע הדרכה און דעת תורה פון דעם רוחניות'דיגן מנהיג, אבער ביי די חברה גייט אלעס פונקט קאפויער.

די נערים המנוערים זייערע שטעלן דעס טאן און מאכען די החלטות, און לאחר המעשה גייען זיי נעמען דערויף א הכשר סטעמפל פון אזעלכע רבנים וועלכע שטיצן בלינדערהייט סיי וואס מ'ברענגט זיי, אויב זיי קלערן אז ס'קען אונטערברעכן דעם קול ה' בכח פון די הנהגה רוחנית פון קרית יואל, און דער רב וואס שטעלט זיך מאמענטאל צו צו זייער השחתה ווערט צייטווייליג געקרוינט אלץ מנהיג.

און ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז עס איז נישט שייך אונצורופען מיט דעם נאמען "קהלה שנתפרדה" נאר באופן אז די נייע קהלה שטעלט זיך באלד אונטער א רב ומורה דרך וואס זאל זיין בעה"ב אויף די קהלה, נישט אז די גרופע זאל זיין בעה"ב אויף אים!

דער איסור וואס די גדולי הדור הקודם זי"ע האבן ארויסגעגעבן קעגן זיך אפרייסן פון די צענטראלע קהלה איז חל ביז'ן היינטיגן טאג, ווי דער הייליגער חתם סופר האט שוין אנגעזאגט "אל תאמרו נשתנו העיתים, יש לנו אב זקן, הוא לא נשתנה ולא ישתנה". און די וועלכע גייען היינט ארויס קעגן די קהלה קדושה אין קרית יואל פאלען אונטער דעם זעלבען איסור און די זעלבע אזהרות.

פונקט אזוי איז אויף זיי חל דער חרם הראשונים, און די שרעקליכע עונשים וואס די פוסקים שרייבן דערויף, אויב זיי נעמען זיך ח"ו אונטער צו עובר זיין דעם הארבן איסור פון מסדר קידושין זיין אין די שטאט שלא ברשות המרא דאתרא.

## אשר התרת אסרתי ואשר אסרת התרתי?!

מיט ווייטאג דארף ארויסגעברענגט ווערן בנוגע דעם 'פסק דין' וואס איז נתפרסם געווארן בשם עטליכע דיינים ומורי הוראה וואס נעמט א שטעלונג איבער די דאזיגע שאלה, באתרי' דמר, אויפן ארט וואו רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע האט ארייגעשטעלט א דיין וואס זאל פסק'נען, און וואו קיינער קען נישט פסקנען בלי רשות המרא דאתרא, ווי ס'ווערט קלאר ארויסגעברענגט אין אלע ספרי הפוסקים.

למען האמת דארף מען פארשטיין, אז אפילו אלמלא וואלטען די דיינים גרונטליך מעיין געווען און מברר געווען די הלכה על ברי', וואלט דאס אויך נישט נוגע געווען פאר אונז, עס איז א דבר פשוט אז אין קרית יואל איז דא א דיין וואס ער איז נתמנה געווארן צו פסק'ענען הוראות פאר קרית יואל, הוא ולא אחר! אבער אפילו אויסער דעם פרט זענען די אלע וועלכע האבן אונטערגעשריבן דעם 'פסק דין' – כבוד תורתם במקומם מונח - לגמרי נישט די ריכטיגע מענטשן צו נעמען א שטעלונג אין קיין ענין וואס האט שייכות מיט די גאנצע טעמע!

ליידער איז נישט קיין סוד אז די דאזיגע רבנים זענען איבער די לעצטע יארן געווארן טיף פארמישט אינעם פירוד וואס האט באטראפען אונזער קהלה, און זי האבען זיך קלאר צוגעשטעלט צו דעם אנדערן צד. במשך די גאנצע צייט האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אז זיי זאלן זיך ארויסשטעלען אפילו איינמאל קעגן די אומצאליגע פארברעכנס, פשיעות און הימעלשרייענדע עוולות וואס ווערן באגאנגען געגן יחידים און געגן ציבור, דורך יענעם צד, און וואס איז כסדר נקראת על שמם. עס איז נישט דאס פלאץ אויסצורעכנען די אלע איינצעלהייטן, ואטו כי רוכלא ניחשוב וניזל. נאר לאמיר נעמען לדוגמה:

**אחת מהנה: דער שוידערליכער אומדערהערטער אקט אז אידען וואס רופען זיך "סאטמאר" זאלען מכיר זיין אינעם בית המשפט הציוני, און מיט דעם אריינשטעכן א מעסער בלב לבה פון די גאנצע שיטה הקדושה, פונעם גאנצן ויואל משה, פון אלעס וואס רבינו הקדוש זי"ע האט געלערנט אלע יארן. און ליידער איז דאס נאך קיינמאל נישט פארדאמט געווארן דורך זיי, וואס שאפט דעם איינדרוק אז וויבאלד די אינטערעסן פון די פארטיי פארלאנגט אז דער דיון זאל דוקא געפירט ווערן דורכן ציוני'סטישן בית המשפט און נישט ביי א בית דין כשר בישראל איז מען מעלים עין אפילו פון סאמע יסודות הדת !**

**קיינמאל, קיינמאל, וועט דער פלעק נישט קענען אראפ גענומען ווערן פון די אחראים, און דאס איז דער שטארקסטער סימן דמוכח אויף מיד ולדורות וואס עס ליגט אונטער אלע היתרים און איסורים, אונטער די מחאות וחרמות.**

דאגעגן זענען זיי ארויסגעגאנגען אומצאליגע מאל קעגן קהלתינו הק' און די עומדים בראשה, אפילו אין ענינים וועלכע האבן אויבנאויף נישט געהאט דאס מינדסטע שייכות צום עצם סכסוך, אינדערצייט וואס זיי האבן קיינמאל נישט גענומען די מיה צו פרובירן אויסצוהערן די רבנים און דיינים פון אונזער זייט אין קיין שום ענין, ווי די תוה"ק אין הלכה פארלאנגט, טראץ די אומצאליגע בקשות ותחנונים און אומאויפהערליכע פרואוון צו פרובירן זיך דורכרעדן מיט זיי.

ווען די תוה"ק האט געזאגט "כי השוחד יעור עיני חכמים" האט מען געמיינט טאקע די סאמע גרעסטע! און יעדער בר דעת פארשטייט אז כ"ש בדורינו איז נישט צו ערווארטען אז די רבנים פון אונזערע בעלי פלוגתא זאלן זיין גרעסער ווי די חכמים פון וועלכע די תוה"ק רעדט, און עס זאל מעגליך זיין אז זיי זאלען קענען זיין אביעקטיוו אין זייערע פסקים.

## על כבודו של רבינו לא חס

אז מ'טראכט אריין ווי אזוי דער 'פסק דין' איז געשריבן געווארן מיט לשונות של גנאי פוגע זיין בכבודו פון הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א, וועמענ'ס איינציגער חטא איז אז ער האט משמיע געווען חוות דעתו הגדולה בעניני הלכה אויף וואס ער איז אחראי און מצווה ועומד פון רביה"ק זי"ע, ברענגט דאס ארויס גרויס וואונדער, און עס לאזט זיך נישט גלייבן אז דאס איז געשריבן געווארן דורך די רבנים זעלבסט.

און אויסער וואס דער יסוד פונעם גאנצן 'היתר' איז אהערגעשטעלט אויף די אונטערלאגע כאילו קהלתינו הק' באשטייט פון עוברי עבירה ווי די נעאלאגן רח"ל, ביי וועלכן פאל די גדולי הדור הקודם האבן געגעבן רשות זיך אפצוטיילן און גרינדן אן ערליכע קהלה, און יעצט טרויעט מען זיך צוצושטעלן אונזער פאל צו יענע היתרים, וואס איז א מורא'דיגער בזיון פאר א קהלה שלימה פון טויזנטער יראי ה' חסידים ואנשי מעשה, מדקדקים בקלה כבחמורה, וועלכע זענען אדוק ומקושר צו דרכי אבותינו ורבותינו זי"ע אין אלע עניני אמונות ודיעות, און רירן זיך נישט אוועק קיין זיז כל שהוא פון דרך האבות.

**דער צער גייט נאך אסאך טיפער ווען מ'טראכט אריין אז ווילאנג דער רבי זי"ע איז געווען בבריאות השלימות און געפירט די עדה הקדושה ביד רמה האבן טייל פון די חותמים ווי אויך דער לייבענטייל פון זייער מחנה, זיך בכלל נישט גערעכנט מיט זיינע הוראות און דעת קדשו אויף קיין שום ענין, און ערשט ווען עס איז געקומען צו אזא מצב, והוא מחולל מפשעינו, דאן באנוצען זיי זיך בשמו ובזכרו הקדוש פאר זייערע מטרות, וואס ברענגט אויף די שאלה, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית?**

אבער איבער אלעם ווערט פארקלעמט דאס הארץ צו זען וויאזוי זיי האבן זיך געטרויעט צו בויען זייער 'היתר' אויפן סמך פון א בריוו וואס איז נתפרסם געווארן אין נאמען פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע בשנת תשס"ב, וואס ס'איז נישט שייך קיין גרעסערער זלזול און בזיון פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע ווי דאס בויען אויף ווערטער וועלכע אין בעסטן פאל זענען ארויסגעצויגן געווארן פון אים אין דעם שווערן מצב וואס ער האט זיך דאן געפינען, און איז ממש היפוך פון אלעם וואס ער האט מיט אונז געלערנט און גע'חזר'ט זיין גאנץ לעבן!

דער ווייטאג דערויף איז אזוי טיף, און דער זלזול אזוי הארב, אז מיר זענען געווען געצווינגען צו ווידמען א גאנצן ארטיקל אינעווייניג אינעם קונטרס איבער די גאנצע אנגעווייטאגטע פרשה, איינמאל פאר אלעמאל מגלה צו זיין לכה"פ א טייל פון וואס עס האט זיך דאן אפגעשפילט.

ס'איז קלאר ווי דער טאג אז עמיצער וואס איז חס אויפן כבוד פון רבי'ן זי"ע וואלט אזא בריוו נישט אונטערגעשריבן, און די איינציגע סיבה פארוואס אזא בריוו האט געקענט ארויסקומען איז בלויז אויב די וואס האבן עס אונטערשריבען האבן זיך וויניג געקימערט מיט דעם רבינ'ס כבוד אדער האבן נישט גענומען די צייט און מיה דאס איבערצוקוקן בעפאר דאס אונטערשרייבען. נאכמער. דער צער גייט נאך אסאך טיפער ווען מ'טראכט אריין אז ווילאנג דער רבי זי"ע איז געווען בבריאות השלימות און געפירט די עדה הקדושה ביד רמה האבן טייל פון די חותמים ווי אויך דער לייבענטייל פון זייער מחנה, זיך בכלל נישט גערעכנט מיט זיינע הוראות און דעת קדשו אויף קיין שום ענין, און ערשט ווען עס איז געקומען צו אזא מצב, והוא מחולל מפשעינו, דאן באנוצען זיי זיך בשמו ובזכרו הקדוש פאר זייערע מטרות, וואס ברענגט אויף די שאלה, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית?

און דערצו נאך גייט מען נוצן דעם מכלומרשט'ן היתר וואס ער האט געגעבן פאר א נייע קהלה, צו גיין אויף דעם סמך מתיר זיין די א.ג. 'קהלה' פון בני יואל, קעגן וואס ער האט כל ימיו לוחם געווען עד חרמה, און אויף מענטשן וועלכע האבן אים אלע יאהרן מצער געווען און געשטערט אלע זיינע פעולות להגדיל תורה ולהאדירה.

היש לך ליצנות גדולה מזו?!

* * *

בעפאר מיר ענדיגן מוז ארויסגעברענגט ווערן זייער קלאר אז דער קונטרס פרובירט אינגאנצן נישט צו רעדן צו די וועמען זייער הארץ איז פארשטאפט און זייערע אויגן פארמאכט פון זוכן דעם ריינעם אמת.

מיר ווילן נאר ארויסברענגען פאר הירא את דבר ה', די וועמענ'ס אויגן און אויערן זענען נישט פארבלענדט געווארן פון אייגענע נגיעות, אבער זיי זענען נישט אזוי באקאנט מיט דעם ענין איבער די אויסטערלישע שארפקייט מיט וואס די גדולי הפוסקים, ראשונים ואחרונים, האבן זיך באצויגן צו דעם ענין פון מסדר קידושין זיין אן רשות פון א מרא דאתרא. ס'איז כמעט נישטא קיין שום אנדערע תקנה וואס זאל באצייכנט ווערן אזוי הארב ווי דאס.

עס איז זיכער אז אחינו בני ישראל איבער דער גארער וועלט וועלן אויפנעמען די ווערטער מיט'ן פולן ערנסטקייט וחומר הענין. דאס איז א זאך וואס באריט די סאמע יסודות פון כלל ישראל, און עס קען נוגע זיין פאר יעדן איינציגן איד ווען די קינדער זייערע וועלן קומען לפרק הנישואין און עלטערן וועלן מוזן באשליסן דעם עתיד פון זייערע דורות. פון די אנדערע זייט זענען מיר פולקאם גערישט אז אפילו אויב ס'וועלן נאך אלץ בלייבן געווג עוברי עבירה וועמענ'ס הארץ איז שוין אזוי פארהארטעוועט אז זיי וועלן זיך אינגאנצן נישט קימערן מיט די אזהרות חמורות וואס די פוסקים ווארענען, אפילו די הייליגע ווערטער פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע אז

"אויב זיי וועלן נישט פאלגן חס ושלום וועלן זיי זיכער חרטה האבן" וועט אויף זיי נישט האבן קיין השפעה, עכ"ז, נצח ישראל לא ישקר און עס וועט שטענדיג זיין אידען וועלכע זוכען דעם אמת און זענען גרייט צו פארבייגען אייגענע אינטערעסן למען האמת.

אבער מיר דארפן וויסן, געדענקען און חזר'ן אז פונקט ווי דער הארבער איסור פון גיין צו די בחירות אין די מדינה הטמאה רח"ל ווערט קיין האר נישט שוואכער טראץ וואס צענדליגער טויזנטער אידן, שומרי תורה ומצוות, ווערן ליידער נכשל דערמיט כסדר, און פונקט ווי די תורה הק' גייט נישט אונטער טראץ וואס רובא דרובא פון כלל ישראל האלטן איר נישט, בעוה"ר.

דאס זעלבע טארען מיר נישט ווערן אפגעשראקן ביים זען ווי אידן שומרי תומ"צ קענען נידערן אזוי ווייט צוליב נארישער פאליטיק ביז'ן זיך שפילן מיט אזא גרויסן פייער. מיר דארפן, און וועלן, כסדר דערמאנען און חזר'ן וואס איז אונזער פליכט אז מיר זאלן חלילה נישט קאלט ווערן צו דעם הארבן איסור, און מתפלל זיין אז אנו וזרעינו וזרע זרעינו זאלן ח"ו נישט נכשל ווערן טראץ דעם גרויסן הסתרת פנים.

ואנו תפילה שילמדו תועים בינה, און מיר זאלן אלע אינאיינעם בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ווען ס'וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה'. אמן.

# מכתב קודש – ופסק הלכה

## מאת כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

### בחומר האיסור לסדר קידושין מבלי רשות המרא דאתרא

יואל טייטלבוים
אבד"ק סאטמאר
והגליל

ב"ה

שלו' וכט"ס אל כבוד ידידי הרב המאוה"ג חו"ב יו"ש חו"פ
כש"ת מו"ה **משה ארי'** שליט"א
האבדק"ק **נאסויד** והגליל יצ"ו

אחדשת"ה באה"ר, הגיעני מכתבו בדבר מה שקרה בקהילתו ענין מר הנוגע לעיקרי דתוה"ק, **שא' החציף פיו באפקרותא והותר לסדר קידושין בלי רשות ונגד אזהרת הרב אב"ד שאסר לסדר** קידושין.

**הנה אין לשער גודל המכשול בזה, ולא לחנם אמרו חכז"ל על אלו שקשין לעולם יותר מדור המבול**, ולא אוכל להאריך כעת, אך ראיתי להעתיק קצת מלשונו של בעל כנסת יחזקאל ז"ל שכתב ע"ז בתשובתו סי' ע"ב והובא גם בשבות יעקב ח"ג סי' קכ"א בשינוי קצת, וז"ל באמצע דבריו, אך שיעלה על לב שום אדם לסדר קידושין בלתי רשות והורמנא מן הרב המקובל מפי טובי העיר, חס שלא להזכיר, וכבר קמו רבנן על הא מילתא, ולבשו בגדי נקם להוסיף ולהריק חרב מנדנה, החרם יחרימו וירדנה, וכל הגאונים בארצות פולין ותורגמא ואשכנזי. וקבלה בידינו שהם קבלו מרבני צרפת שהיו בימי ר"ת שגזרו ואמרו, שלא יסדר שום אדם קידושין כ"א מי שנבחר לרב או מו"ץ בקהלתו או מדינה או גליל, ומי משלחי עקלתן נחש בריח יריע אף יצריח ויעבור על אלה **מוחרם הוא מפיהם ומפי כתבם, ופוק חזי מה עמא דבר בכל תפוצות ישראל וכו'**, גלל כן אחוה דעה גם אני, האי גברא המקדש אינו בחיבת הקודש **והמסדר פרץ גדר ותצמיח לו קוץ ודרדר, ואבי הכלה ראוי להשקות יין התרעלה**, לא יבוא בחילה, והקרואים לסעודת מריעות בחרופים וגדופים ונזיפה. אמנם על שלשה אני בא המסדר והמקדש ואבי הכלה ראוי למתוח על העמוד, ולימחי להם במאה עוכלי בעוכלא דבי רב יהודאין, להאכילם גחלי רתמים, ובנדוים וחרמים, בקול רמיי בחוצות וכרמים, כרם עין גדי בכל תפוצות ישראל, למען ידעו כי יש אלוקים שופטים בארץ עכ"ל. ועוד האריך שם לבסוף בעונשים קשים ומרים אשר קשה להעתיקם. גם הבעל שבו"י שם בתשובה סי' קכ"א האריך טובא **להחמיר על המסדר קדושין כזה בכל מיני חומרות, ואף לגזור עליו שלא יתפלל ולא ימולו את בניו ולהוציאם מבית הספר**, וכהנה וכהנה החמיר שם טובא בחומרות נוראות שאין לשער יעיי"ש.

והמאמין בהשי"ת ובתורתו הקדושה לא יעבור על חרם ר"ת ושארי הראשונים ז"ל, ואם שאין בידינו לעשות כל אותן החומרות שכתבו השבו"י והכנ"ה הנ"ל נגד האנשים האלה, אבל כל מה שבידכם עכ"פ **חיובא רמיא על הבי"ד וטובי הקהל לעשות כל מיני קנסות וכפיות נגד המסדר קידושין והמקדש ואבי הכלה, וכל בני ישראל הכשרים יעשו הבדלה והפרשה מהאנשים הרשעים במעשים מכוערים כאלה, ולא יצטרפו לשום דבר שבקדושה**, עד אשר יכופו כאגמון ראשם להתנהג כדת של תורה, ולציית לדברי חכמים כאשר כתבו הראשונים ז"ל לגדור גדר ולעמוד בפרץ להסיר מכשולות כאלה מבני ישראל.

והנה יש מהאחרונים שכתבו על קידושין כאלו שאין לחוש להם אף לקולא וצריך לקדש מחדש בברכות, אבל חלקו ע"ז ואינו נראה כלל להקהל ולעשות ברכות מספק, אבל זה ודאי שצריך לחוש עכ"פ לקדש מחדש בעדים וחופה וכתובה, אך אין לומר שום ברכה מהברכות הן של סידור קידושים והן של ז' ברכות, **והזוג לא ידורו יחד עד אשר יעשו קידושין מחדש ע"י בי"ד כנ"ל, ואם לא יצייתו ח"ו בוודאי יתחרטו.**

והשי"ת ירחם ויגדור פירצות עמו בית ישראל ויצילנו מכל עקתין בישין ונזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן והימים האלה יתהפכו לנו לששון ולשמחה.

והנני ידידו דושת"ה באה"ר מצפה לרחמי שמים

- חתי"ק –

**(אידישע איבערזעצונג אין די קומענדיגע זייטן)**

# אידישע איבערזעצונג

## פונעם מכתב קודש מאת כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

### בחומר האיסור לסדר קידושין מבלי רשות המרא דאתרא

ב"ה

**שלו' וכט"ס אל כבוד ידידי הרב המאוה"ג חו"ב יו"ש חו"פ**
**כש"ת מו"ה משה ארי' שליט"א האבדק"ק נאסויד והגליל יצ"ו.**

אחדשת"ה באה"ר, עס איז מיר אנגעקומען אייער בריוו איבער וואס האט פאסירט אין אייער קהלה א ביטערער ענין וואס בארירט די עיקרי תורתינו הקדושה, אז איינער האט זיך מתחצף געווען מיט הפקרות און ערלויבט צו מסדר קידושין זיין אנעם רשות און קעגן די ווארענונג פונעם רב וועלכער האט פארבאטן די סידור קידושין.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן דעם גרויסן מכשול דערפון, נישט אומזיסט האבן חז"ל געזאגט אויף די יעניגע אז זיי זענען ערגער פאר דער וועלט מער ווי דער דור המבול.

איך קען נישט יעצט מאריך זיין, אבער איך וויל ציטירן אביסל פונעם לשון פון בעל כנסת יחזקאל ז"ל וואס שרייבט דערוועגן אין זיינע תשובות (סי' ע"ב), און עס ווערט אויך אראפגעברענגט אין שו"ת שבות יעקב (ח"ג סי' קכ"א), וז"ל "אבער דאס אז ס'זאל ארויפגעברענגט ווערן דער געדאנק ביי סיי וועמען צו מסדר קידושין זיין אן רשות און הורמנא פונעם שטאטס רב וועלכער איז אויפגענומען געווארן דורך די טובי העיר איז חס מלהזכיר, און עס זענען שוין אויפגעשטאנען די רבנן אויף די זאך און אנגעטון קליידער פון נקמה, ארויסגענומען דעם שווערד פון איר שייד אויסצורופן א חרם דערקעגן, מיט אלע גאונים פון די לענדער פוילן תוגרמא [טערקיי] און דייטשלאנד.

**"און עס איז א קבלה אין אונזערע הענט וואס זיי האבן מקבל געווען פון די רבני צרפת אין די צייטן פון רבינו תם אז זיי האבן גוזר געווען און געזאגט דאס קיין שום מענטש זאל נישט מסדר זיין קידושין נאר ווער עס איז אויסגעוועלט געווארן אלס רב אדער מו"ץ אין די דאזיגע קהלה אדער לאנד אדער גליל, און דער שלאנג וואס וועט עובר זיין דערויף איז אין חרם, און גיי ארויס קוק וויאזוי דאס איז אנגענומען אין אלע תפוצות ישראל וכו'.**

"דעריבער וועל איך אויך זאגן מיין חוות דעת אז דער מאן וואס איז מקדש איז נישט באוויליגט פארן אויבערשטן, דער מסדר איז א פורץ גדר, דער טאטע פון די כלה איז ראוי מ'זאל אים אנטרינקען מיט יין התרעלה, און די באטייליגער ביי די חתונה דארפן מקבל זיין חירופים וגידופים און נזיפה.

"אבער אויף די דריי קום איך [זאגן] דער מסדר קידושין און דער מקדש און דער אבי הכלה זענען ראוי מען זאל זיי אויסציען אויפן באלעמער און אריינשמייסן הונדערט שמיץ, זיי געבן צו עסן הייסע קוילן, און ארויפלייגן נידויים וחרמים מיט א פעסטן קול איבער אלע תפוצות ישראל, כדי מ'זאל וויסן אז ס'איז פאראן א בי"ד ביי אידן" עכ"ל.

אזוי מערט ער דארט ווייטער מיט הארבע און ביטערע שטראפן וואס איז שווער זיי נאכצוברענגען.

**אויך דער בעל שבות יעקב (שם סי' קכ"א) איז שטארק מאריך מחמיר צו זיין אויף דעם מסדר קידושין מיט אלערליי חומרות, ווי גוזר זיין אז מ'זאל אים נישט אריינלאזן אין ביהמ"ד, נישט מלין זיינע קינדער, זיי ארויסווארפן פון תלמוד תורה, און אזוי ווייטער מיט חומרות נוראות וואס מ'קען זיך גארנישט משער זיין יעוי"ש.**

און דער וועלכער גלייבט אין השי"ת און זיין הייליגע תורה וועט נישט עובר זיין אויפן חרם פון רבינו תם און די איבריגע ראשונים ז"ל, און טראץ וואס מיר קענען נישט אויספירן די אלע חומרות וואס דער שבות יעקב און כנסת יחזקאל שרייבן קעגן די דאזיגע מענטשן, ליגט אבער א חיוב אויף בי"ד און אויף די טובי הקהל

צו טון אלעס וואס אין זייערע מעגליכקייטן, מיט אלערליי קנסות און כפיות קעגן דעם מסדר קידושין און דעם מקדש און דער אבי הכלה.

**און אלע ערליכע אידן זאלן זיך אפשיידן און אפטיילן פון די אנשים הרשעים וועלכע טוען אזעלכע שמוציגע מעשים, און מ'זאל זיי נישט מצרף זיין צו קיין שום דבר שבקדושה ביז זיי וועלן בייגן דעם קאפ זיך צו פירן כדת של תורה און פאלגן די ווערטער פון די חכמים, אזויווי עס האבן געשריבן די ראשונים ז"ל לגדור גדר ולעמוד בפרץ, אפצוטאן די מכשולות פון אידישע קינדער.**

והנה, ס'זענען דא פון די אחרונים וועלכע שרייבן אז מ'דארף נישט חושש זיין אויף אזעלכע קידושין אפילו לקולא און מ'דארף איבערמאכן די קידושין וחופה מיט געהעריגע ז' ברכות, אבער מ'קריגט דערויף ואינו נראה כלל איבערצומאכן די ברכות מספק.דאס איז זיכער אז מ'דארף עכ"פ איבערמאכן די קידושין מיט עדים און א חופה און א כתובה, אבער מ'זאל נישט זאגן קיין שום ברכה, נישט פון די קידושין און נישט פון די ז' ברכות.

**און דער פארפאלק זאל נישט וואוינען צוזאמען ביז ווען מ'מאכט איבער געהעריג די קידושין ביים בי"ד כנ"ל, און אויב זיי וועלן נישט פאלגן וועלן זיי זיכער חרטה האבן.**

והשיי"ת ירחם ויגדור פירצות עמו בית ישראל ויצילנו מכל עקתין בישין ונזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן והימים האלה יתהפכו לנו לששון ולשמחה.

והנני ידידו דושת"ה באה"ר מצפה לרחמי שמים
**יואל טייטלבוים**
אבד"ק סאטמאר יצ"ו

# פסק הלכה

## של הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א

שלום אליקים
געציל בערקאוויטש
דומ"ץ קרית יואל יצ"ו

RABBI G. BERKOWITZ
39 SATMAR DR.
MONROE, NY 10950
845-783-8715-8

בס"ד

הנה קהלתינו הקדושה פה קרית יואל נתייסד ע"י איתן אדונינו מרן הקדוש והטהור זי"ע, להמשיך בזה מסורת של קהילות הקדושות החרדים לדבר ד' ולתורתו הקדושה במדינת אייראפא, ושלא לשנות מהם כלום במדינה זו.

והנה העד העיד הגאון בעל שבות יעקב ז"ל אהע"ז סי' קכ"א, וז"ל בתוה"ד ומה"ט נתפשט בכל גלילות ישראל לקבל עליהם רב ומורה, ושאין ליתן קידושין וגיטי וחליצות בלתי ידיעת הרב שהוניחו עליהם עכ"ל, וחכמי הדורות ראו בתקנה הנ"ל יסוד גדול להחזיק קדושתן של ישראל.

ועיי"ש העתק מתשובת הגאון בעל כנסת יחזקאל ז"ל ובתו"ד כ' אך שיעלה על לב שום אדם מאן דהו לסדר קידושין בלתי רשות והרמנא מן הרב המקובל מפי טובי העיר חס שלא להזכיר, וכבר קמו רבנן על הא מילתא וכו', וכל הגאונים בכל ארצות פולין ותורגמא ואשכנזי, וקבלה בידיהם שהם קיבלו מרבני צרפת שהיו בימי ר"ת שגזרו ואמרו שלא יסדר שום אדם קידושין כי אם שנבחר לרב או מו"צ בקהלתו בקהלה או מדינה או גליל וכו', ופוק חזי מה עמא דבר בכל תפוצות ישראל ומימיו לא שינה בה אדם עכ"ל. וע"ע מש"כ מרן ז"ל בחומר הענין בזה נדפס ספר אגרות מהרי"ט ח"ש סי' ו' עיי"ש דבריו הקדושים חוצבים להבת אש.

ומהנ"ל מבואר שח"ו לשום מאן דהו, לסדר קידושין פה ק"ק קרית יואל ובהגלילות, מבלי נטילת רשות מאת המרא דאתרא ה"ה כ"ק רבינו שליט"א שלא לפרוץ בזה גדרן של ראשונים כמלאכים שראו בזה חיזוק גדול לתיקון הדת, ובזכות שנלך בעקבות הראשונים ז"ל נזכה לביאת גוא"צ בב"א.

ובאעה"ח ניסן תשס"ט לפ"ק
הק' געציל בערקאוויטש
דומ"ץ קרית יואל

# פסק הלכה

## שנשא הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א

**במעמד אלפי חברי קהלתינו הק'**

אצל ה"אסיפה כללית" דקהל יטב לב ד'סאטמאר - א' משפטים תש"ע לפ"ק

ברשות הרבנים הגאונים הצדיקים, ברשות ראשי קהלתינו הק', בעלי בתים חשובים ה' עליהם יחיו, וועל איך זאגן דא אפאר ווערטער.

די וואכעדיגע סדרה, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ואלה מוסיף על הראשונים. טייטשט דער הייליגער קדושת יו"ט – די וואך שבת איז די יארצייט – ואלה מוסיף על הראשונים, ברענגט ער צו דעם באקאנטן דרשות הר"ן אשר נתן לנו את תורתו, נתן **לנו** איז טייטש דער אייבערשטער האט געגעבן פאר די חכמי הדור די עיני העדה אין יעדן דור אז זיי זאלן קענען מוסיף זיין, דרשנ'ען גדרים וסייגים לויט וויאזוי די עיני העדה זעען איין אז ס'איז וויכטיג

מיט דעם טייטש דער קדושת יו"ט שם שם **לו** חוק ומשפט, לו איז טייטש אז די תורה האט מרמז געווען אז דער אייבערשטער האט געגעבן "לו" מ'זאל קענען דרש'נען מוסיף זיין לויט וויאזוי זיי זענען משיג, ער טייטשט דארט אזוי כדרכו אז לא עשה כן בגוים איז נישטא דאס, אבער ביי אידן האט דער אייבערשטער געגעבן פאר די חכמי הדור זיי זאלן מאכן גדרים וסייגים. אבער דאס האט דער אויבערשטער געגעבן נאר פאר אידן, **ואלה** מוסיף על הראשונים, דאס וואס די חכמים בכל דור ודור זענען מוסיף גדרים וסייגים על הראשונים, דאס איז נאר **לפניהם** ולא לפני עכו"ם.

דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די חכמי הדור זיי זאלן מוסיף זיין גדרים וסייגים. דאס איז טייטש אפילו א זאך וואס שטייט נישט ארויס אין פסוק, ווייל מהאט איינגעזען אז ס'איז א גדר מיט א סייג, האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן דעם כח פאר די חכמי הדור זאלן דאס אויספירן.

לענינינו, אונז געפין מיר א זאך וואס די חכמי הדור, דור דור, האבן מתקן געווען, זיי האבן עס איינגעזען פאר א גדר און א סייג, און ווער ס'איז עובר אויף דעם גדר וסייג זאגן זיי זייער שארפע לשונות. אויף **דעם** גדר זאגט מען פורץ גדר וואס ס'שטייט ווייטער. אזא מין גדר איז דאס געווען. וואס איז דאס ענין? דאס ענין איז אז מ'זאל מסדר זיין קידושין אין א שטאט אדער אין גלילות אנעם רשות פונעם מרא דאתרא.

דער רבי זכרונו לברכה, רבינו הקדוש, איז מעתיק דאס שארפקייט מיטן הארבקייט אין דעם ענין. מ'געפינט ס'איז געווען גדרים וסייגים וואס מ'האט געמאכט, [אבער] מיט אזעלכע שארפע לשונות אז דער ווער ס'וועט נישט איינהאלטן דעם גדר זאל באקומען דעם עונש פון א פורץ גדר, אזעלכע שארפע לשונות זעט מען נישט כמעט נאר ביי דעם

ענין, ווי דאס לשון פון רבינו הקדוש והטהור וואס ער האט געשריבן. ווי ס'איז געדרוקט אין אגרות מהרי"ט.

דאס איז געווען א תקנה נישט וואס שפעטערדיגע אחרונים האבן איינגעפירט, דאס איז נאך געווען א גדר און א סייג וואס מ'האט איינגעפירט בימי ר"ת, האט מען געמאכט די גזירה, וקבלה בידינו שמקובל הוא מרבני צרפת וואס זענען געווען בימי ר"ת שגזרו ואמרו שלא יסדר שום אדם קידושין נאר מי שנבחר לרב או מו"ץ בקהילתו או מדינה או גליל. **אפילו אויב ער איז א רב ערגעץ אנדערשוואו, אויב איז ער נישט געווארן אויסגעוועלט אין די קהלה, דא האט מען אים נישט אויסגעוועלט, האט מען גוזר געווען אז ער טאר נישט מסדר קידושין זיין, זאל ער זיין וואסערע גרויסע רב ער איז.** דא אין די קהלה אין די שטאט האט מען אין נישט מקבל געווען פאר א רב טאר ער נישט דא מסדר קידושין זיין.

דאס לשון אין די פוסקים איז, אפילו ס'איז נישט אין די שטאט ממש, אזוויווי ס'איז געווען אינדערהיים ס'איז געווען די גלילות פון די שטאט איז אויך דאס זעלבע, און ביים שבות יעקב איז אויך געווען ס'איז געווען דארטן גלילות וואס איז אויך דא דער איסור. זאגט ער זייער שארפע לשונות, פוק חזי מאי עמא דבר בכל תפוצות ישראל וכו', **זייער שארפע לשונות, ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם רעדט ער ארום <u>דער מסדר איז א פורץ גדר, דער אבי הכלה אויך שארפע לשונות</u>. ווייטער לשון קדשו, <u>והקרואים לסעודות מריעות, די וואס מ'רופט זיי זאלן זיך דארט משתתף זיין זענען ראוי צו חירופים וגידופים ונזיפה</u>, זייער שארפע לשונות וואס ער פירט נאך אויס שפעטער, וואס דער רבי ז"ל אליין שרייבט ער וויל נישט נאכזאגן, די עונשים קשים ומרים אשר קשה להעתיקן.**

**רביה"ק פירט אויס <u>"והמאמין בהשי"ת ובתורתו הקדושה וועט נישט עובר זיין אויפן חרם פון ר"ת מיט די ראשונים"!</u>** וחיובא רמיא על הבי"ד וטובי הקהל מ'זאל אלעס טון קנסות מיט כפיות קעגן די זאכן, דאס איז וואס מ'זעט לשון קדשו פון רבינו הקדוש ז"ל.

אלע גדולי הפוסקים שפעטער ברענגען צו ווען מ'רעדט פון דעם מ'האט מסדר קידושין געווען אן א רשות פונעם מרא דאתרא. אמאל אינדערהיים איז עס נוגע געווען די פרנסה אויכעט, מ'רעדט אויך פון דעם אז מ'איז מקפח די פרנסה, אבער אלע געבן א זאג צו, וואו מ'וועט נאכקוקן, אז אויסערדעם אפילו וואו ס'איז נישט אזוי, דער עצם הענין גיין אין א שטאט מסדר קידושין זיין [איז אסור].

מ'זעט דאך גדולי עולם האבן עס געזען פאר אזא מין שארפע זאך, מ'האט געהאלטן אז דאס איז א פירצה, מ'האט געהאלטן דו גייסט אריין אין א פרעמדע שטאט וואו ס'איז דא א מרא דאתרא גיין מסדר קידושין זיין. דער מונקאטשער רב שרייבט אויף א פלאץ, דער מנחת אלעזר, ס'איז געווען אויכעט עפעס ווער ס'האט געוואלט פסק'נען וואס מ'האט געהאט עפעס צו טון, אבער דאס אז מ'זאל האבן א העזה צו גיין מסדר קידושין זיין דארט וואו ס'איז דא א מרא דאתרא?! דער מושג איז נישט געווען, מ'האט נישט

געקענט גארנישט טראכטן פון אזא מין זאך, מ'האט נישט געוואוסט אז דאס איז אזוי געווען

אזויווי מ'האט פריער געזאגט. רבינו הקדוש האט מייסד געווען דעם שטעטל אויף דעם, ער האט געוואלט ער זאל האבן א שטאט אז מ'זאל ממשיך זיין די מסורה פון אלע קהלות קדושות וואס איז געווען אין אייראפע, א זאך וואס אלע קהלות די עלטערע אידן ווייסן, זיי געדענקען, מ'וועט זיי פרעגן, ס'האט נישט עקזיסטירט, וואס ס'הייסט מ'איז געקומען ס'איז געווען א רב מ'זאל מסדר קידושין זיין?

א גדר וואס אין גאנץ אייראפע איז עס געווען אנגענומען ווייל מ'האט געפילט אז דער ר"ת מיט די אלע גדולי הרבנים, און די שפעטערדיגע דורות, דער כנסת יחזקאל דער שבות יעקב און אזוי און אזוי ווייטער די אלע פוסקים וואס מ'רעדט ארום אויבעט, אז דאס האבן זיי אלע געפילט אז דאס איז מען מחוייב מקבל זיין, יעדער האט געוואוסט שם שם **לו** חוק ומשפט אז דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן פאר די חכמי הדור אז זיי זאלן פארשטיין וואספארא גדרים מ'זאל מאכן.

האט יעדער איינער פארשטאנען דאס איז נישט א זאך וואס מ'מאכט היינט, א רב מאכט א גדר, דאס איז א גדר וואס די גרעסטע גדולי עולם דער ר"ת מיט אלע גדולי הפוסקים האבן דאס איינגעזען, און אזוי איז געווען אין אלע קהלות קדושות, **איז דען היעלה על הדעת אז ער** [רבינו הקדוש] **האט געוואלט אז אין אזא מין הארבע זאך זאל זיין הפקר?!! מ'זאל קענען קומען אריין מסדר קידושין זיין וואס ווען וואו?!** לויטן מצב פון היינט וויאזוי ס'גייט, אויבעט, א רב אהער אהין ער מאכט זיך א ביהמ"ד אהער אהין, ס'איז דאך גאר אנדערש פון אמאל.

נאר לו יהא, אפילו ער איז א רב פון א קהלה, האמיר פריער געזאגט דעם לשון, דער רב וואס ער דארף נבחר ווערן צו קהלתם, דא דער ציבור האט אים אויסגעוועלט, און איבעראל און אלעמאל דאס איז געווען אזוי איינדערהיים. מ'קוקט נאך אין די פוסקים זאגן זיי אלע צו די ווערטער "אדער אין די גלילות". דארט אין שבות יעקב וואו ס'איז געווען איז אויך געווען אין א כפר, איז ממילא אז מ'איז זיך מתבונן אין דעם מגיד דבריו ליעקב, ואלה מוסיף על הראשונים, די חכמי הדור האבן דאס א רעכט, דאס איז קיין ספק נישט אז ווען דער רבי האט געבויט דעם שטעטל האט ער געוואלט אז ס'זאל זיין אויפן ענין פון סידור קידושין, וואס ס'מאכט זיך שווערע שאלות און פארשידנס, אז ס'זאל זיין א רב א מרא דאתרא ווער ס'זאל זיך אומקוקן אויף דעם

ס'איז מיר שווער אביסל צו זאגן, כ'וואלט נישט געוואלט זאגן, אזא גרויסער ציבור אידן וואס זיי הערן אויס וואס איך זאג, **כ'האב מסופק געווען צו איך זאל זאגן, [אבער] כ'האב געפילט פאר א חוב אזוי ווי רבינו הקדוש והטהור האט מיר געזאגט אז כ'זאל ארויספארן אין די שטאט להורות הוראה בישראל, פיל איך אז בין איך מחויב צו זאגן חוות דעתי העני' אין דעם ענין. וויל איך זאגן חוות דעתי העני'.**

## נאכ'ן מעיין זיין אין די פוסקים, אין תשובה ספרים, אין אחרונים,

ווער ס'איז צוגעגאנגען וואס מ'האט געזען וויאזוי די פוסקים האבן צוגעטרעטן צו אזא ענין, **איז קלאר: דא אין קרית יואל און אין די גלילות טאר נישט קיינער,**

**און חס ושלום לשום מאן דהו, אז מ'זאל מסדר קידושין זיין דא אדער אין די גלילות ארום און ארום אן נעמען רשות פונעם מרא דאתרא, פון רבינו שליט"א.**

**דעם גדר האבן געמאכט דער ר"ת מיט די אנדערע, זיי האבן איינגעזען אז דאס האט צוטון מיט קדושת ישראל, די ראשונים כמלאכים, הונדערטער יארן פון דורי דורות, וואס מ'האט דאס פארשטאנען און מ'האט געוואוסט, מ'האט זיך נישט געקענט חלומען דאס זאל זיין אזא מין זאך מ'זאל אריינגיין אין א פרעמדע שטאט זאגן איך בין דארט איך בין מסדר קידושין.**

**ממילא איז ברור אז ס'איז א איסור מסדר קידושין צו זיין דא און אין די גלילות.**

מיט דעם בין איך מסיים מיינע ווערטער, דער אייבערשטער זאל העלפן ילמדו תועים בינה, זיי זאלן זיך מתבונן זיין וואס מ'וויל דא טון, מ'וויל אנהייבן אריינצוברעכן אז נע, מ'ברויך נישט, הפקר, דער אייבערשטער זאל העלפן די תועים זאל אריינקומען בינה זיי זאלן פארשטיין דעם חומר הענין פון דעם און אן נעמען רשות פונעם מרא דאתרא וועט קיינער דא נישט קומען מסדר קידושין זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן עושה שלום במרומיו זאל מאכן שלום מ'זאל פארשטיין דעם חומר הענין, און מיט דעם זכות וואס מ'וועט גיין בעקבות הראשונים, מ'וועט פירן די שטאט מיט גדרים וסייגים און מ'וועט זיך האלטן דערצו, וועלן מיר זוכה זיין צו ביאת גואל צדק בב"א.

קהל יטב לב ד'סאטמאר
קרית יואל יצ"ו

Cong. Yetev Lev D'Satmar
Kiryas Joel

*Main Office* **16 Garfield Road. Monroe, NY 10950** *Tel.* **(845) 774-4040** *Fax.* **(845) 783-2684**

בס"ד

# מודעה ואזהרה

היות לעצטנס האט פאסירט א שוידערליכע פירצה אין קדושת ישראל ביי אונז אין די שטאט, ווען געוויסע עלעמענטן האבן דורכגעבראכן די חומה בצורה וחרם הקדמונים, וואס איז געווען אנגענומען און פארפעסטיגט הונדערטער יארן ביי אלע קהלות קדושות אין כלל ישראל, אז בלויז דער רב ואב"ד פון שטאט איז אויטאריזירט אויף אלע עניני קידושין אין די שטאט און אירע גלילות.

דער איסור און חרם הקדמונים ווערט ציטירט אין א בריוו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, אין אגרות מהרי"ט ח"ב, וואו דער רבי ברענגט אראפ די שארפע ווערטער וואס די ראשונים כמלאכים שרייבן איבער דעם וועלכער צוברעכט דעם גדר וואס זיי האבן אראפגעלייגט [זעט בייגעלייגט דעם בריוו].

אויך שרייבט דער רבי זי"ע וזלה"ק [איבערגעזעצט אין אידיש]: "טראץ וואס מיר קענען נישט דורכפירן אלעס וואס [די אחרונים] שרייבן קעגן די דאזיגע מענטשן, **אבער ס'ליגט נאך אלץ א חיוב אויף בי"ד און די טובי הקהילה ארויפצולייגן אלערליי קנסות און כפיות קעגן דעם מסדר קידושין, דעם מקדש, און דעם אבי הכלה**". עכדה"ק.

על כן פקודתו הק' שמרה נפשינו, און עפ"י החלטת הנהלת הקהילה איז באשלאסן געווארן די תקנת הקהילה אז דער מסדר קידושין, די חתן וכלה, און די מחותנים ביי אזא חתונה פארלירן די רעכט און די בענעפיטן פון זיין א מעמבער בקהלתינו הק', סיי בחיים און סיי לאחר מוע"ש. ווי אויך זענען די אלע נישט בארעכטיגט צו קיין עליות און סיי וועלכן זכות אין קיין איינע פון די בתי מדרשים שע"י קהלתינו הק'.

גלייכצייטיג, כדי צו פארזיכערן אז ס'פאסירט נישט אינעם עתיד קיין מכשול אז יראי ה' וועלן זיך בטעות משדך זיין חלילה מיט אזא משפחה צוליב חסרון ידיעה, דעריבער איז אנגענומען געווארן דער פאלגנדער באשלוס:

**א) די הנהלת הקהלה וועט מפרסם זיין די נעמען פון די אלע באטרעפנדע אויב וועט ח"ו נאכאמאל פארקומען אזא געמיינע פירצה.**

**ב) די נעמען וועלן אויך פארשריבן ווערן לחרפה ולדראון עולם אינעם פנקס הקהלה, אז עס זאל בלייבן למשמרת אויף אייביג אין פאל עמיצער וועט דאס דארפן מברר זיין אין יארן ארום ביים זוכן א שידוך פון זייערע קינדער אדער אייניקלעך.**

**ג) יעדעס מאל ווען עס וועט געבוירן ווערן א קינד ביי איינעם פון די דאזיגע משפחות וועלכע לעבן ל"ע אן א קידושין וועט די הנהלת הקהלה דאס מפרסם זיין כדי ס'זאל בלייבן למזכרת אויף לעתיד.**

זעלבסטפארשטענדליך אז ווען דער פארפאלק וועט זיך בע"ה בארעכענען און איבערמאכן די קידושין כדת וכדין, ווי די הוראה פון רביה"ק זי"ע, וועט דאס אויך געמאלדן ווערן אז מ'זאל וויסן אז דער חרפה'דיגער פלעק האט זיך פון זיי אפגעטון.

ויה"ר שילמדו תועים בינה, און די רשעים זאלן חוזר זיין בתשובה שלימה. ובזכות זה וועלן מיר בקרוב זוכה זיין לקבל פני משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.

**הנהלת הקהילה**

# ארטיקל

# "א שטעטל אין אמעריקע, פונקט אזויווי אינדערהיים"

דער פאלגענדער מאמר איז נתפרסם געווארן אין "דער בלאט" פר' משפטים תש"ע לפ"ק, צוליב איר וויכטיגן אינהאלט זענען מיר דאס דא ווידעראמאל מעתיק, טראץ עטליכע נקודות זענען שוין ארויסגעברענגט געווארן אין אנדערע מאמרים.

די טויזנטער אידן וואס האבן איבערגעפולט דעם בית המדרש הגדול אין קרית יואל מן הקצה אל הקצה פארגאנגענעם זונטאג אווענט, זענען נאך אלס אונטער'ן רושם פון די חרדת קודש'דיגע מאמענטן וואס זיי האבן מיטגעלעבט, מאמענטן וואס וועלן בלי ספק בלייבן איינגעקריצט אין הארצן; התרגשות'דיגע מאמענטן וואס וועט אויף אייביג געדענקט ווערן, אין א בחינה פון 'ויחד יתרו' - תרתי משמע.

הראשון כמשמעו. ויחד יתרו - דאס עצם מחזה הוד ווען אזויפיל אלפי ישראל אין שפיץ פון צענדליגער רבנים, דיינים, מורי הוראה בישראל, ראשי ישיבה משופרא דשופרא פון תלמידי רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, קומען זיך צונויף תחת קורת גג אחד מיט איין איינציגע מטרה, צו חזר'ן און משנן זיין די יסודות וואס דער מייסד פון די הייליגע שטאט קרית יואל האט געוואלט און באגערט ווען ער האט זוכה געווען באחרית ימיו אויסצופירן משאת נפשו און אויפשטעלן די שטאט קרית יואל וואָס אויף איר האט ער זיך אויסגעדרוקט: "ווען נישט קרית יואל, האב איך גארנישט אויפגעטון אויף דער וועלט" - דאס איז א שמחה.

טאקע דאס, דער עצם בילד ווי דער ביהמ"ד הגדול איז פול געפאקט - אן ארגינעלן בילד וואס חזר'ט זיך איבער מידי שבת בשבתו - ווען מען זעהט דעם מציאות פאר די אויגן וואס דער צדיק וקדוש עליון האט בערוב ימיו געהייסן בויען א בית המדרש גרעסער פון וויליאמסבורג, "ווייל אויב וועט דער גואל צדק נישט קומען ווי פריער, וועלן אין קרית יואל וואוינען טויזנטער אידן און מען מוז האבן פאר זיי א בית המדרש", ווערטער וואס האבן בשעתם אויסגעזעהן ווי א חידה סתומה. קיינער האט נישט געטראכט מיט 35 יאר צוריק אז דאס וועט זיין דער מציאות, און טאקע דאס בילד אליין

דערפריידט יעדעס אידיש הארץ זעהנדיג די הערליכע פראכטפולע המשכה, וועלי' רמזי דין הוא. אט דער הייליגער בית המדרש וואו דער צדיק יסוד עולם האט געטון זיין עבודת הקודש די לעצטע יארן עלי אדמות: יום הקדוש, די געהויבענע נענועים, הושענא רבה, די הייליגע הקפות, חנוכה-לעכט, מגילה-ליינען, חג מתן תורתינו הק', אלע לעכטיגע געהויבענע זמני ומועדי השנה האט דער רבי זי"ע געפראוועט אין דעם ביהמ"ד.

אט די קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבא. די קדושה איז געבליבן איינגעזאפט אין די ווענט פון דעם הייליגן בית המדרש, און זי איז ווייטער משפיע די לעכטיגע השפעה אויף לעד ולנצח נצחים. דאס טאקע האט דער רבי זי"ע געמיינט ווען ער האט געהייסן בויען דאס ביהמ"ד, און אויף די עדה קדושה אידן האט ער זיך געזארגט דעמאלטס אז עס זאל זיין גענוג פלאץ אז דער גאנצער ציבור זאל קענען ווייטער דאווענען אינאיינעם תחת קורת גג אחד, און ווען עס פעלט זיך אויס צוזאמענצוקומען בהתאסף ראשי עם יחד, סיי לוחם זיין קעגן דאס מלכות המינות בארה"ק, סיי גודר גדר זיין קעגן זוהמת אמעריקע, באקעמפפן די נסיונות הדור, ובכללם די יעצטיגע מסיבה, איז דער בית המדרש דער מקום מוכשר ומוקדש פאר דעם צוועק.

דאס איז דער ערשטער פשט פון ויחד יתרו...

פון די צווייטע זייט איז נעשה בשרו חידודין חידודין, ווען מען טראכט אריין וואס עס זענען די אומשטענדן וואס האבן גורם געווען צוזאמצורופן דעם כינוס. די סיבות דערצו זענען בכלל נישט קיין פריידיגע. די סיבות דערצו איז דער ציהל צו פארמאכן די פירצות אינעם חומה וואס מ'פרובירט אויפצוברעכן. שווערע פירצות בחומת הדת, ביסוד קדושתן של ישראל און מ'פרובירט אונטערצוברענגען דעם ציהל וואס דער הייליגער מייסד הקריה האט געהאט, אונטער א מאנטל פון עושי רצונו. א בחינה פון ממרים הייתם עם ה', ווען מיט מכלומר'שטע אינטערעסן צו טון דעם רצון צדיק, וויל מען מהרס זיין דאס וואס ער האט אויפגעבויעט בדם לבבו ונפשו.

די הייליגע אסיפה און די הייליגע ווערטער וואס זענען דארט געהערט געוואָרן, דאס זענען געווען ווערטער פון 'קימו וקבלו'. די טויזנטער געטרייע חסידים און תלמידים וואס געדענקען יענע צייטן, וואס דער קול חוצב להבות אש ליגט זיי אין די ביינער איינגעקריצט, די וואס האבן געצאלט גרויסע געלטער און מוותר געווען אויף די אייגענעמליכקייטן פון וואוינען אין די שטאט און מקיים געווען דעם 'לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה' אין יענע בראשית יארן, אלעס צו טון דעם רצון צדיק, די אלע אידן האבן דאס יעצט פריש מחזק געווען כאיש אחד בלב אחד און געהערט דעם קלארן אומצווייידייטיגן דעת תורה פון דעם אחד המיוחד שבחבורה, דער ציר נאמן לשולחיו וואס דער מייסד הקריה האט אים געשטעלט און אים מסמיך געווען צו זיין דער פוסק אין די הייליגע שטאט, הגאון הגדול מגדולי פוסקי הדור דומ"ץ קרית יואל שליט"א.

בלויז צו זעהן דאס ערנסטקייט וואס האט געהערשט אינעם בית המדרש הגדול די גאנצע צייט פון די אסיפה, די אימה'דיגע אטמאספערע, די ווארעמע החלטות וואס זענען נתקבל געווארן עליהם ועל זרעם ווען טויזנטער אידן האבן מחליט געווען צו פאלגן דעם דעת תורה, און טראץ אלע שוועריגקייטן און אומאייגענעמליכקייטן וואס דאס ברענגט מיט, ווילן זיי נישט געבן קיין האנט פאר די השחתה נוראה צו צעברעכן דעם הייליגן ציהל פון דעם מייסד הקריה, דאס אליין איז געווען א געוואלדיגער חיזוק, וואס פאר דעם אליין איז כדאי געווען דער גאנצער כינוס.

*

באמת איז דער ווייטאג זייער גרויס, דאס אליין אז אחינו בשרינו, טייערע ערליכע אידן וואס זענען צוזאמען געוואקסן און זענען נתגדל געווארן צווישן די ווענט פונעם זעלבן בית המדרש, זאלן גרייט זיין

צו טון אזעלכע מעשים אשר לא יעשו, וואס כדי דאס צו בארעכטן, דארף מען מהפך זיין הקערה על פיה הונדערט מאל, מיט סתירה'דיגע שיטות, פאלשע מעשיות, וואס דער ציהל איז איינס: צו צעברעכן די כח הנהגה וואס טויזנטער סאַטמאַרער חסידים זענען אונטערגעווארפן אונטער איר.

עבדא בהפקירא ניחא להו. עס שטעלט זיך ארויס צום וויפילטן מאָל, אז די לייט זוכן נאר איין זאַך: 'הפקרות'! עס קוקט אפשר אויס אויסערליך אז זיי האבן עפעס א סיבה אויסצוזעצן ספעציעל קעגן דעם און יענעם, און ווי כאילו דוקא דאס שטייט זיי אין וועג צוליב די אנגעגעבענע סיבות וואס זיי רוקן ארויס.

דערווייל אבער ווערט נתברר איינמאל און נאכאמאל אז ניין, ס'מיינט בכלל נישט אז זיי ווילן פורק זיין דעם עול פון דעם אדער יענעם, בכלל נישט, זיי ווילן פשוט נישט קיין בעלות! זיי ווילן פשוט נישט קיין הנהגה! עס איז שוין 30 יאר זינט די פטירה פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע און די מענטשן האבן זיך נאך נישט אונטערגעווארפן אונטער קיין שום הנהגת התורה קיינמאל!

אין לויף פון די יארן האט שוין אויסגעקוקט ביי פארשידענע געלעגנהייטן אז דער, אדער יענער, רב וועט זוכה זיין צו ווערן דער מנהיג און אויטאריטעט פון די מענטשן; זיי האבן שוין מערערע מאל עמיצן ערוועלט און גענומען אלס אלוף לראשם, טרואמפירט מיט יענעם; אים געקרוינט מיט כל ערליי טיטול'ען און תוארי כבוד; פאבריצירט מעשה'לעך איבער יענעמס אויסנאמליכע קרבות צום רבי'ן ז"ל און מוחה געווען מיט 'תורה תורה חגרי שק' אויף יענעמס כבוד, און מען האט געמיינט אז ענדליך מצאו את שאהבה נפשם; זיי האבן שוין ענדליך א רב.

דער מציאות שטעלט זיך אבער ארויס אין פאקט אז ניין! יעדע שטיק צייט איז א צווייטער זוכה דערין, ווייל נישט דאס קרבות צום רבי'ן ז"ל, נישט קיין גדלות בתורה, נישט קיין גאונות, נישט קיין צדקות, שפילט א ראלע ביי די לייט. צו געפעלן אין זייערע אויגן דארף מען בלויז איין זאַך: צו זיין גרייט צו אריינשטויסן אין די הנהגה רוחניות, און דינען זייערע אינטערעסן פון ברעכן און צעברעכן, להרס ולשבר.

איבערלויפענדיג די היסטאריע שטעלט זיך ארויס מאדנע מציאות'ער. עס זענען געווען פארשידענע גדולי תורה וואס זענען געווען אין א בחינה פון 'נראה ונדחה'. זיי האבן זיך שוין אין יענעם מדבק ומקשר געווען און אים מכתיר געווען אלס 'תלמיד מובהק' וכו', אבער נאכדעם וואס ער האט מיט א 'קלייניקייט' זיך נישט צוגעשטעלט צו זייערע 'הירוס' פארשריפטן, איז ער געווארן 'נדחה'. אמאל איז טאקע געווען חוזר ונראה, און אנדערע זענען געבליבן 'נדחה'...

מען זעהט פון צייט צו צייט ווען דער רב אדער יענער רב איז מוצא חן בעיניהם. אמאל איז דאס א רב, אמאל א רבי', וואס זיין מיינונג האט מיט דעם יסוד פון הירוס געשטימט מיט זייער דעה - אפילו ווען זיינע סיבות זענען גאר אנדערש ווי זיי, און אפילו ווען יענער איז בעניני אמונות ודיעות אנדערש ווי זיי - איז דאס גענוג געווען אז מ'זאל זיך ארומנעמען ארום אים. אבער איבערבליקנדיג דעם מציאות אין די לעצטע דרייסיג יאר זעהט מען בחוש, אז קיינער האט נאכנישט זוכה געווען צו בלייבן זייער ליבלונג לכל אורך הדרך - אולי די וואס זענען נפטר געווארן אינצווישן-צייט און האבן נישט געהאט די געלעגנהייט זיי צו אנטוישן.

אזוי אויך פארקערט, זענען געווען חשוב'ע רבנים וואס במשך לאנגע יארן זענען זיי צעטרעטן געווארן דורך די עלעמענטן, ווייל זיי האבן נישט קאאפערירט מיט זייער מהלך. אבער ווי נאר עס איז עפעס נשתנה געווען און מ'האט אנגעהויבן צו שפירן אז יענע קענען ביישטייערן צו זייער צד, זענען זיי מיטאמאל 'מקודש' געווארן, און נאר זייער 'כבוד התורה' עקזיסטירט, ואין בלתם. דאס איז שוין א 'נדחה ונראה'...

איז דאס איז א מהלך?!

עד היום הזה עקזיסטירט נישט ביי די גרופע קיין מנהיג רוחני. עס איז נישטא קיין איין גדול בישראל, קיין איין מורה הוראה און קיין איין תלמיד פונעם רבי'ן ז"ל וואס זיין מיינונג איז זיי מחייב. מען האט געמאכט א ביהמ"ד, זיך אנגעהויבן צו רופן 'קהל', אבער קיין רב פאר די קהילה האט מען נישט געקענט ערוועלן בשום אופן, צוליב איין סיבה: ווייל א רב דארף מען פאלגן! און דאס זיך מכניע זיין און פאלגן עמיצן, יהיה מי שיהיה, דאס קען נישט עקזיסטירן ביי די מענטשן!

אוודאי, אויב וועט ער אננעמען זייער מיינונג און זיך צושטעלן צו זייער באן איז גוט, דאן וועט ער צייטווייליג געקרוינט ווערן אלס נאנטסטער תלמיד פונעם רבי'ן. אבער אין די מינוט וואס ער שטימט נישט אויף הונדערט פראצענט מיט די השחתה, קען מען אים 'מדחה' זיין און משפיל זיין כעפרא דארעא.

און וועלכער איד וואס האט זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן זי"ע, ווער עס האט זוכה געווען צו הערן זיינע הייליגע דברי תורה, ווער עס האט געוואוסט זיין השקפה, טרויעט זיך צו זאגן אז דאס איז געווען זיין רצון?! ווער טרויעט זיך צו זאגן אז ער האט דאס געוואלט. הפקרות, איש כל הישר בעיניו יעשה, לית דין ולית דיין?!

*

כל ימיו אשר חיה על אדמת אַמעריקע, האט רביה"ק זי"ע געלעכצעט צו האבן א שטעטל מחוץ לעיר און ער האט זייער קלאר געזאגט אז זיין ציהל איז צו קענען האבן א מציאות, אז אין אמעריקע זאל זיין אזוי ווי אין דער אלטער היים.

אחת מהנה האט אונז דערציילט אן עד ראי' וואס איז געווען ווען דער רבי זי"ע איז געקומען באזוכן די קינדער אין קעמפ בשנת תשכ"ו, האט ער גענעכטיגט איבערנאכט אינעם יונגל קעמפ און גלייך אינדערפרי איז ער אריבערגעפארן אינעם כולל קאנטרי וואו די כולל יונגעלייט האבן געלערנט, און אויך דער ראש ישיבה, דער שאפראנער רב זצ"ל האט דארט דאן געהאט זיין באנגעלא פון וואו ער פלעגט טעגליך קומען צו פארן צום בחורים קעמפ.

איז געווען ווען דער רבי זי"ע איז געזעסן אינדערפרי אין בית המדרש פון כולל און געשמועסט מיטן שאפראנער רב, טרינקנדיג דערביי א קאווע, און די יונגעלייט זענען געשטאנען ארום און זיך איינגעהערט צו יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון רבי'נס מויל.

דער רבי זי"ע האט בתוך הדברים געפרעגט דעם שאפראנער רב וויפיל משפחות עס וואוינען אין די קאנטרי. דער שאפראנער רב האט געזאגט דעם צאל צוגעבענדיג מיט א שמייכל "דאס זענען אלעס ארטאדאקסישע משפחות"...

האָט זיך דאַן אנטוויקלט די שמועס איבער דער סדר הקהילות אינדערהיים און דער כח פון די רבנים איבער זייערע בני הקהילות. דער רבי זי"ע האט דאן געזאָגט: "אינדערהיים, כאטש עס זענען געווען אפגעטיילטע קהילות אין יעדע שטאט און אינאיינעם מיט די ערליכע קהילות זענען אויך געווען די נעאלאגישע רבנים און קהילות, פונדעסטוועגן האט יעדער ערליכער רב געוואוסט אז ער איז דער בעל הבית אויף זיין קהלה און אלע זענען אונטער אים. אבער דא אין אמעריקע וואו יעדער איינער קען געהערן צו וועלכע קהלה ער וויל און ער איז נישט צוגעבינדן צו קיין שום קהלה, איז נישטא דער כח פון א רב בישראל אזוי ווי אינדערהיים".

דער רבי זי"ע האט אויסגעפירט זיינע ווערטער "איבער דעם וויל איך אזוי שטארק האבן א שטעטל, וואו יעדער איינער זאל געהערן צו די קהלה, פונקט ווי אינדערהיים"...

קלארע ווערטער: א שטעטל אין אמעריקע אזוי ווי אינדערהיים!

וואס עס האט געמיינט א רב אינדערהיים ווייסט יעדער בר בי רב דחד יומא. א רב איז געווען דער פולשטענדיגער אויטאריטעט אין די שטאט. ער איז געווען דער פוסק אחרון אויף טריט און שריט. דאס בית המדרש, די תלמוד תורה, די קהילה, די שחיטה, די מקוה, אלע מוסדות החסד, אלעס איז געווען אונטערן רב. על פיו יצאו ועל פיו יבואו.

צי עס זענען אינדערהיים געווען עזות פנימ'ער?! צי עס זענען אמאל געווען מהרסים ומחריבים?! אוודאי יא! בני קרח לא מתו! מ'כאפט א בליק אין די ספרי שו"ת און מ'זעהט ווי אומצאליגע רבנים וגדולי עולם האבן זיך געמוטשעט מיט מהרסים. אין די שושילתא קדישא פון בית סיגוט סאטמאר האט נאך יעדער איינער געהאט אזויפיל עזות פנימ'ער, און טאקע אויך מיט איצטלא דרבנן, און דאס האט נישט גורע געווען מיט גארנישט פון זייער גדלות און קדושה.

דער הייליגער רבי זי"ע וואס האט זיך געזארגט פאר כלל ישראל, אין דער אלטער היים איז ער געווען דער וואס האט ממנה געווען רבנים אין יעדע שטאט. ער אליין איז ארומגעפארן און נישט געלאזט אז א שטאט זאל בלייבן אן א רב, און מיט אלע מיטלען האט ער גענומען די קינדער פון די פריערדיגע רבנים און זיי מכתיר געווען במקום אביהם. עס זענען איבעראל געווען אומצופרידענע מענטשן, איבעראל זענען געווען מחוצפים, אבער דער רבי האט געזאגט אז א שטאט אן א רב איז הפקרות! און דאס האט ער אינפארסירט, אלס מנהיג ישראל וואס עיניו צופות למרחוק.

עס איז ידוע אז דער רבי זי"ע האט נישט געוואלט האבן קיין עירוב אין וויליאמסבורג, און ער האט זיך מתנגד געווען צו מאכן אן עירוב אין מאנהעטן, זאגנדיג אז א עירוב דארף האבן א אויטאריטעט, א רבני'שער אחראי וואס מ'זאל טראגן על דעתו און דער אחריות פונעם עירוב זאל ליגן אויף זיינע פלייצעס.

שונה הדבר אין קרית יואל, ווי נאר דער רבי האט געבויעט דאס שטעטל ושם אוה למושב לו, האט ער געהייסן מאכן אן עירוב, און דערציילט די מעשה פונעם ייטב לב זי"ע וואס האט מבטיח געווען עולם הבא פאר אן עירוב.

ווי טרויעט מען זיך צו זאגן אז דער רבי האט געוואלט אז קרית יואל זאל זיין א שטח הפקר?!

עס איז ברור בלי שום ספק שבעולם, אז דער רבי וואס האט כל ימיו געפאדערט הכנעה פאר א הנהגה, און איז געווען פייער קעגן נערים המנוערים וואס האבן זיך געטרויעט צו רירן אן הנהגה, און ער האט אפילו אין פרעמדע קרייזן מעודד געווען די קינדער פון פריערדיגע מנהיגים אז זיי זאלן אנהייבן צו פירן די שרידי החסידים, און בו בזמן וואס זיינע הייליגע אויגן האבן געקוקט אזוי ווייט פאראויס, ער האט זיך אזויפיל געזארגט פארן עתיד הדורות, היעלה על הדעת אז דייקא זיין הייליגע עדה האט ער מפקיר געווען, זיין הייליגע עדה האט ער נישט געוואלט קיין המשכה, דארט האט ער נישט געוואלט קיין הנהגה?

די שטאט קרית יואל האט א מרא דאתרא לאורך ימים ושנים. רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז נתקבל געווארן מדין יורש וע"י אסיפת אקרו"ט, און ער האט ממנה געווען בשעתו בנו הגדול כ"ק רבינו שליט"א אלס מרא דאתרא מכוחו, צוזאמען מיטן כח פון אקרו"ט וטובי העיר. דאס איז אויסער דעם מציאות וואס במשך די יארן איז 'אומאפעציעל' דורכגעפירט געווארן מערערע מאל וואלן אין די שטאט, און עס איז נישט קיין ספק אז די שטאט געפונט זיך אונטער א תורה'דיגע בעלות וואס מ'קען בשום אופן נישט רירן.

אין א בריוול וואס די אנשי דלא מעלי האבן ארומגעשיקט אויף די פאסט צו תושבי קרית יואל איז דער דיין שליט"א בא'טיטול'ט געווארן אלס 'דומ"ץ דקהלתכם', ווי כאילו די שטאט קרית יואל האט לעגיטים עטליכע קהילות און דער דיין איז דער מורה הוראה אויף איינע פון די קהילות.

עס איז אבער דער מציאות אז רביה"ק מייסד הקריה זי"ע האט קיינעם נישט ממנה געווען אלס "דומ"ץ קהל יטב לב", נאר אלס "דומ"ץ קרית יואל", אזוי אויך ווען מרן הברך משה זי"ע האט אויפגענומען א מרא דאתרא, איז נישט געווען קיין רעדע פון קיין רב פון א קהילה, נאר פון די שטאט, ווייל אזוי האט דער הייליגער רבי געזאגט:

"איבער דעם וויל איך אזוי האבן א שטעטל, וואו יעדער איינער זאל געהערן צו די קהלה פונקט ווי אינדערהיים"...

ומי יבא אחרי המלך.

ווער עס זאגט אנדערש האט אויך פארגייער, די מהרסים לדורותיהם. און עס איז וויכטיג ביז גאר צו שטעלן די מהרסים אויף זייער ריכטיגן ארט, עס קען זיין א קליינע קליקע מהרסים, און עס קען זיין א גרעסערע קליקע, אין סיגוט און אין סאטמאר אינדערהיים זענען די מתנגדים נישט געווען פראצענטועל וויניגער, אבער 'אפעציעל' איז דאס נישט! מהרסים קענען נישט זיין לעגיטים!

אויב געדענק נישט יעדער גענוי ווי אזוי אמאליגע ערליכע אידן האבן באצייכענט די חברה, דארפן מיר נישט מער ווי מעתיק זיין עטליכע שורות וואס עס האט געשריבן אין א בריוו הגאון החסיד רבי שלום אליעזר ווייס ז"ל דער ערשטער מלמד אין סאטמאר אין אמעריקע, און ראש הכולל תורה ויראה, א סימבאל פון א בן עלי' פון רבי'נס חסידים, וואס קיינער איז נישט מטיל ספק אין זיין גדלות, צדקות און פרישות, יראת שמים, און דבקות אינעם רבי'ן זי"ע. ווען מען האט מכתיר געווען כ"ק מרן רבינו שליט"א אלס רב אין קרית יואל איז ער ל"ע נישט געזונט געווען, ער איז געווען מוטל על ערש דוי פון די מחלה וואס ער איז נסתלק געווארן, האט ער אין זיינע לעצטע צייטן געשפירט פאר נויטיג צו שיקן א בריוו פריוואט פאר איינעם פון די רבנים שליט"א וואס האבן אויפגעטרעטן ביים מעמד ההכתרה.

צווישן אנדערע שרייבט ער: "לא אוכל להתאפק מלכתוב לך רגשת לבבי שנהנתי מאד שלקחת חבל בסעודת ההכתרת הרב הגאון אב"ד דק"ק קרית יואל שליט"א, וביותר על דברי אמת שאמרת בהסעודה, והוא חיזוק גדול להחזיק מעמד הקדושה נגד המתפרצים בעם, שלוחי הס"מ שגורמים בעוה"ר הריסת הקדושה, ובעוה"ר נלכדו ברשתם גם אנשים יראים תמימים שאין מבינים הענין ועושים שמות עם פרומקייט וטפשות כאחד, ה' ירחם ויאיר עיני ישראל".

אט דאס איז אן אפשאצונג און א אויסדרוק איבער די מענטשן, נישט קיין קהילה, נישט קיין שיטה, גארנישט 'מתפרצים בעם, שלוחי הס"מ'. קיין לעגיטימאציע פאר הירוס!

*

בעצם הערשט א מאדנער צומישעניש אין יענע מחנה. עס זענען דא דריי פארקערטע נימוקי ההיתר. אפיציעל גייט דער מהלך, אז עס איז נישטא קיין מרא דאתרא זינט כ"ו אב תשל"ט. איש כל הישר בעיניו יעשה. נישטא! יעדער מעג מסדר קידושין זיין און זאגן א מיינונג איבער אלע עניני העיר, ובנוגע דאס טראגן מיטן עירוב וועט מען שיקן א משגיח... (לפלא, אז דעם רבי'ן זי"ע איז די עצה נישט בייגעפאלן לגבי דעם עירוב אין מאנהעטן).

דאן פאלגט נאך א גביות עדות פון א כלי שלישי, וואס ווערט באגלייט מיט א ווידיא מאשין, וואס באשטעטיגט אז מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז טאקע יא געווען מרא דאתרא און ער האט געזאלט האבן געזאגט, אז מ'קען נישט אסר'ן אזא זאך.

שני כתובים המכחישים זה את זה, ובא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם. אנגעבליך האט מען טאקע געטראפן פון ווענען צו בעטן רשות, און מען האט באקומען...

מארי דאברהם! מיט וואס שפילט מען זיך דא ארום!!!

*

כלל ישראל האט מיטגעהאלטן די אנטוויקלונגען די לעצטע וואכן, ווען עס האט צום ערשטן מאל פאסירט אז מ'האט אפגעראכטן א חופה בגלילות קרית יואל, בלי רשות המרא דאתרא, און הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א איז ארויסגעקומען מיט'ן שארפסטן און דאס גע'אסר'ט בכל חומר הדין!

דער דיין שליט"א האט דאס נישט געטון בחפזון אן קיין ישוב הדעת, נאר נאך אסאך מחשבה מיט אסאך בירור הלכה. נאכן לאנגן בירור הלכה האט ער צונויפגערופן דריי מנינים רבנים ומורי הוראה, און ברבים פורש געווען משנתו הברורה, צעלייגט דאס ענין פון קידושין, מרא דאתרא, גלילות און אלע ענינים וואס נעמען ארום דאס ענין.

ביי די אסיפת הרבנים איז געהערט געווארן עדות נאמנה פון א איד וואס האט אנגעפרעגט חוו"ד פון איינעם פון די גדולי הפוסקים בארה"ק לאיוש"ט איבער דאס השתתפות אין יענע חתונה, און די תשובה איז געווען: "חס ושלום, עס איז א סכנה", און דער פוסק שליט"א האט גע'אסר'ט דאס אנטייל נעמען אפילו אין די אויפרוף, און שבע ברכות.

די רבנים שליט"א האבן נו"נ געווען בכובד ראש אין אלע צדדי ההלכה. מערערע ספרי הפוסקים און שו"ת זענען ארויפגעלייגט געווארן על שולחן מלכים, און מיט די פולסטע אימה ויראה איז דער דיין שליט"א צוגעגאנגען מכריז צו זיין די הוראה ברבים, געבויעט אויפן כח המשלח, דער הייליגער רבי זי"ע, מייסד הקרי' וואס האט סומך ידו געווען אויף אים אלס דיין ומורה הוראה פון די שטאט.

קיינער איז נישט בכח מחולק צו זיין מיט די הוראה!

דא איז נישט דער מדובר איבער א שאלה אויף געקלעפטע לולבים, נישט איבער אווזות דורסות און נישט איבער כשרות העירוב אדער סיי וועלכע תורה'דיגע שאלה וואס זה אוסר וזה מתיר כדרכה של תורה. עס איז די שאלה איבער 'די שטאט קרית יואל', און אוודאי קען נישט קיינער אפילו כגובה ארזים גבהו קומען זאגן זיין מיינונג באתרא דמר, וואו עס זיצט א מורה ודאין וואס איז מוסמך דערצו פונעם מייסד הקריה.

עס איז נישט קיין פגיעה אין קיינעמס כבוד התורה אויב זיין חוות דעת איז נישט אנגענומען אין דעם פאל ווען עס האנדלט זיך אין אזא פסק פונעם דיין שליט"א, ווייל צו זאגן א מיינונג איבער הוראה און קידושין אין קרית יואל, האט נאר דער דיין שליט"א באקומען די רעכטן פון רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע.

די ווערטער וואס דער דיין שליט"א האט געזאגט ביי די אסיפה ווען א חרדת קודש האָט געהערשט איבער דאָס בית המדרש; די פייערדיגע דיבורים וואס ער האט נאכגעזאגט פון רביה"ק זי"ע; די עונשים חמורים; די אזהרות חמורות; די התראות נוראות, די ווערטער דארפן פלאקערן און אויפציטערן די הערצער. "בוודאי שיתחרטו!", אוי, געוואלד! ווער האט נישט מורא צו אומגליקליך

מאכן די אייגענע קינדער, אפילו פאר א ספק! פאר א ספק ספיקא! ווי שטעלט מען איין אייגענע קינדער אין אזא שפיל מיט פייער?

*

תכתב זאת לדור אחרון!

עס מעג פארצייכנט ווערן לדורות עולם דער פאלגענדער מציאות, וואס ברענגט עטוואס ארויס דעם הייליגן בליק פון רבינו הקדוש זי"ע, פארוואס ער האט געוואלט האבן א שטעטל און פארוואס ער האט געוואלט האבן א שטעטל 'אזוי ווי אינדערהיים', וואס זאל זיין פולשטענדיג קאנטראלירט דורך א רבני'שע אויטאריטעט.

עס איז נישט קיין סוד ליידער וויאזוי די היינטיגע וועלט זעהט אויס, ליידער. מען מוטשעט זיך ארום מיט נסיונות קשות ומרות. דער יצר הרע פונעם היינטיגן יאָר-הונדערט, זעהט אויס אומבאזיגבאר, השם ישמרינו, דורך די טעכנאלאגישע כלים וואס קומען אן אין די קעשענעס, די מ"ט שערי טומאה וואס ווערן געעפענט דורך עטליכע קליינע קנעפעלעך, און שלעפט נעבעך אַראָפּ הייליגע טייערע נשמות פון כלל ישראל.

אין אלע היימישע געגענטער וואו עס וואוינען ערליכע היימישע אידן איבער ניו יארק, איז ניכר א שטארקע ירידה ברוחניות לצערינו. מ'קען נישט פארלייקענען דעם מציאות, אז כאטש וואס אין די אלע מקומות וואוינען שטרענגע פרומע אידן שומרי תורה ומצוות, איז דער גייסט נשתנה געווארן לגריעותא די לעצטע צוואנציג יאר, און צוביסלעך האבן זיך ארייגעריסן פירצות שונות וואס ווערט נתרחב מזמן לזמן, און מ'זעהט נישט די מעגליכקייט דאס אפצושטעלן.

קרית יואל, א דאנק איר כח הנהגה, שטייט ב"ה פיל מעלות העכער די אלע שטעט. דאס וואס אין די שטאט איז נישטא קיין פרעס-געשעפטן; קיין אפענע פרעס-אפאראטן מוצאי שב"ק; קיין מקומות וואו צו קומען און פארברענגען, דאס איז ווייל עמיצער זארגט זיך דערויף. עס איז דא ווער עס שפירט אן אחריות אויף די שטאט. עס איז דא ווער עס שלאפט נישט ביינאכט, אויב בקצה העיר מאכט זיך א פירצה אשר לא יעשה, און רוהט נישט ביז ווען דאס ווערט אויסגעריסן.

דאס וואס די גרעסטע צאל 'דזשעי נעט' באנוצער זענען תושבי קרית יואל, איז צו פארדאנקען פאר די כח ההנהגה אין די שטאט.

אין אלע אנדערע געגענטער האט מען שוין געמוזט קומען אין די גאסן מוחה זיין קעגן געשעפטן וואס פארקויפן בגדי פריצות. ב"ה אין קרית יואל האבן עטליכע הונדערט נשים צדקניות אויסגעטון די שייטלעך און זיך אנגעטון פול בצניעות, נאר א דאנק עס איז דא א כח הנהגה!

אין קרית יואל איז דא א השגחה מעולה אויף די שטאט. עס זענען דא שומרי החומות וואס שטייען געטריי שלא ליתן אל המשחית לבא אל בתינו. יעדע פרצה בחומת הקדושה ווערט אַדרעסירט און עס ווערט אונטערגענומען פעולות, און טאקע די וואס ווילן אלעס מהרס זיין, וויסן אויך גאנץ גוט וויאזוי די שטאט וואלט ח"ו אויסגעזעהן אָן די געטרייע שומרים.

אין קרית יואל, אויב א מאן רירט צו די בארד אדער די פרוי גייט אין אייגענע האר, האט דאָרט נישט קיין מקום. אינעם היינטיגן דור פרוץ איז דאס ליידער אזוי נפרץ, אבער אין קרית יואל האבן שוין פארשידענע געמוזט באשליסן צו ליבערשט זיך אויפפירן ערליך, אדער גיין וואוינען אין אנדערע געגענטער.

אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, וואוינען אויך הונדערטער חשוב'ע רבנים גאונים וצדיקים, גדולי תורה ויראה, מחנכים ומשפיעים. איז דא איין מקום וואס איז אזוי אפגעהיטן אזוי ווי קרית

יואל? איז דען בכלל בגדר שאלה צי די הנהגה רוחניות און איר כח איז דער איינציגסטער תריס בפני הפורעניות?

עס וויל זיך נישט טראכטן וויאזוי וואלט קרית יואל אויסגעזעהן ווען עס זאל אויסגעפירט ווערן דער ציהל פון די איש כל הישר'ניקעס, רחמנא לישזבן!

וויאזוי קען מען זאגן אז דאס איז געווען דער רצון פון רביה"ק זי"ע מייסד הקריה. ער האט געוואלט אז קרית יואל זאל אויסזעהן ווי מאָנסי?

חסידי סאטמאר אומעטום דארפן אפגעבן א שבח והודאה פאר השי"ת אויף די סייעתא דשמיא וואס ער האט געגעבן פאר רביה"ק זי"ע צו גרינדן דעם הייליגן שטעטל בערוב ימיו, און עס לאזט זיך זאָגן, אז ממנה יתד וממנה פינה. ווילאנג קרית יואל האלט הויך דעם סטאנדארט, איז דאס משפיע אויף אלע אנדערע היימישע געגענטער, זיי זאלן נישט קענען צי ווייט פאלן.

ווער נעמט דאס אחריות צו זאגן אז דער רבי זי"ע האט געוואלט אז קרית יואל זאל זיין ווי מאָנסי?

די חיזוק וואס תלמידי וחסידי סאטמאר האבן באקומען ביי די גרויסע אסיפה פארגאנגענעם זונטאָג, דארף אָנהאַלטן. דער ציבור האט זיך רעארגאניזירט מיט חיזוק און מוט. די חיזוק דארף איינגעטוישט ווערן מיט אלע פאזיטיווע פעולות וואס דער רבי שליט"א מאנט כסדר. נישט צוריקקוקן אויף רוקווערטס, נאר שפאנען פאראויס! דעם שיעור אין גמרא נישט פארפאסן קיין איין טאָג; הידורי מצות מיט מסירות נפש! אז מ'קען האבן מצות און פלייש מיט מער הידורים, לאזט מען זיך קאסטן. אויב וויל מען שפארן, שפארט מען ביי אומזינסטע הוצאות ביי שמחות!

עס איז א שאד זיך אויסצודרייען און צוריקקוקן. מיר שפאנען פאראויס מיט'ן זיין פארנומען צו בויען און מחזק זיין די כוחות הקדושה אין אמעריקע און אין ארץ ישראל, און לאמיר האפן אז ילמדו תועים בינה, און זיי וועלן מיט די צייט זיך בארעכענען און קומען נאכלויפן.

# מכתב גלוי

## אל אחד מהרבנים המנסים לערער על פסק דינו של הגה"צ דומ"ץ דמתא שליט"א

**אל מע"כ הרה"ג ר' משה מנחם טירנויער שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב דסאטמאר מאנטריאל יצ"ו**

אחרי הושטת שרביט השלום כפי הראוי והנכון לכבוד מעלתו שליט"א, אמרנו לפנות בזה בכתב יושר דברי אמת בלב קרוע ומורתח, על דבר המכתב אשר יצא עם חתימתו בשבוע שעעל"ט להפקיר את הענין של סידור קידושין בקרית יואל יצ"ו, בניגוד להוראתו המפורשת של הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו שליט"א אשר הורה שאסור לשום אדם לסדר קידושין בקרית יואל והגלילות בלי רשות המרא דאתרא ה"ה כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, ואם כי אין מטרתינו לישא וליתן בדבר הלכה זו אשר מסורה לגדולי התורה וההוראה אשר בלי ספק עוד יחוו דעת תורתם בראיות והוכחות כדרכה של תורה, אמנם היות שמכתב זה נוגע לעתיד קיום הדת והקדושה בעיר עוז לנו קרית יואל יצ"ו, לא נוכל להחריש, ומצאנו לנכון לפנות לכבמ"ע שליט"א בדברים הנאמרים כאן, אחרי אשר המכתב הזה מעורר תמיהות גדולות, אמרנו נשיחה ונרווח לנו, ותקותינו שכבמ"ע שליט"א יראה חוב לעצמו לברר באר היטב את אשר עמו, לפרש את הסתום, שלא יתהווה ח"ו זלזול התורה בעיני ההמון.

ושלשה אלו נפלאו ממנו:

ראשית דבר, הרי הוראה זו נוגע לענין אשר בציפור נפשה של הקרי', והיא בניגוד מוחלט לדעת הגאון הגדול עמוד ההוראה הדומ"ץ דקריתינו שליט"א, אשר נתמנה ע"י קודש הקדשים מרן רבינו בעל דברי יואל זי"ע לדון ולהורות פה עירנו וסמך ידו עליו כי לו העוז והמשרה בכל עניני ההוראה הנוגע לעירנו, כאשר לא נעלם הדבר מעיני כבמ"ע שליט"א. איך אפשר שלא חשש להורות באתרא דחברי', ובמיוחד נגד הדומ"ץ שליט"א אשר נודע ברב גבורתו וחילו בכל חלקי התורה, וקיבל כוחו מפי מרן רביה"ק זי"ע אשר בידו היתה הבעלות הבלעדית על כל עניני הקריה, ומאז ומעולם לא היתה כזאת אשר בא יבא רב ומורה אחר אף אם כגובה ארזים גבהו להורות הוראה במקום אחר.

בר מן דין, יוגדל הפלא פי כמה על סגנון הכתיבה מתוך זלזול וביטוים גסים נגד א' מגדולי הוראה בזמנינו, מבלי אף לנסות להתווכח עמו כדרכה של תורה. כי מלפנים זאת בישראל וכן נהגו כל גדולי ישראל מכל הדורות במקום שנדמה להם שהמורה טעה בהוראתו אף באיזה כפר נידח היו קודם כל דורשים מאתו טעמו ונימוקו, ולא תהא כהנת כפונדקית?, וכי כך היא דרכה של תורה לתת כבודו של רב ומורה בישראל למרמס ולמשיסה אך ורק על שהשמיע דעת תורתו ברבים.

ופליאה השניה, מה שנבצר מכל מי אשר לו מח בקדקדו להבין ולהשכיל פשר דבר, אשר יסודו של כבמ"ע מבוסס על דברי הפוסקים אשר דנו בנוגע יסוד קהילות נפרדות בעת אשר הקהלה הישנה פגעו ביסודות הדת, ואך ורק באופנים כאלו הותרה הפרישה. אבל מובן לכל בר דעת ומוזכר גם בדברי הפוסקים שהפורשים בעצמם אינם נאמנים להכריע בדבר. ואיך יעלה על הדעת שקבוצת אנשים מחרחרי ריב הנוגעים בדבר יהי' בידם גם להכריע ולהתיר הפרישה. וק"ו בן בנו של ק"ו כאשר המדובר מקהלה שלימה של אלפים מישראל, מלאה חכמים וסופרים תלמידי חכמים ויראי ה' משופרי דשופרי של תלמידי רביה"ק זי"ע, אברכים בני תורה ובעלי בתים חשובים אשר מהם גם תלמידי כבמ"ע שליט"א, שלא שינו במלא נימא מדרכי אבותינו ורבותינו הקדושים, וממשיכים דרכו של רביה"ק זי"ע ביתר שאת ויתר עוז בחינוך הבנים לדרכי התורה והיראה, והן בעניני קדושה וצניעות, הן במלחמה לה' בעמלק, והן בשאר עניני חסידות ופרישות. היעלה על הדעת שבשביל איזה טינא או תרעומות נפרץ הדרך לפסול כולם בנשימה אחת כאילו ח"ו כולם סטו מדרך התורה.

והאחרון הכביד, אשר מכתב כבמ"ע מבוסס על איזה מכתבים בשם כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע משנת תשס"ב אשר הי' בתקופת חולשת גופו, ונתפרסם ממקורות מפוקפקים בעלי מחלוקת מובהקים הנודעים לשמצה, וסותר את כל דיבוריו ודרשותיו אשר השמיע ברבים עשרות פעמים לפני אלפים מישראל בהיותו בבריאות השלימות, ואיך אפשר שכבמ"ע שליט"א יתן גושפנקא למכתבים אלו.

וכי אפשר להכחיש ולהעלים עין ממצבו של כ"ק מרן רבינו זי"ע בדברים אשר היו גלויים וידועים לכל אנ"ש אשר הסתופפו בצל קדשו, וכי מותר להעמיד תילי תילים של הלכות על שברי לוחות.

קשה מאד הדיבור בזה, והשורות האלו נוטפות דם וכאב, אך כבודו הרמה של אותו צדיק וקדוש זי"ע אשר באו זרים ויחללוה יאלצינו לנגוע בזה, כי בין אם זייפו המכתב ובין אם רק הצליחו לקבל חתימה ברגע של הגברת החולשה, בין כך ובין כך אין שום יסוד למכתבים אלו, כפי המובן לכל, ואין אתנו מבין איך לא ירעדו לפרסם מכתבים אלו, ולא לחשוש מהעון המר של בזיון ת"ח אשר נשמתם בגנז"מ.

ותגדל הפלא שבעתיים פי כמה וכמה, הלא כל ימי חייו של מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לחם בכל עוז למען שלימות הקהילה בקרית יואל יצ"ו, ואסר בכל תוקף ועוז לפרוש מן הקהלה, בראותו בזה יסוד גדול ועצום למען חיי הדת והקדושה, ולפי דעתו אשר השמיע והביע בכתב ובע"פ עשרות פעמים ראה בזה יסוד קיום הקדושה וחיי הדת וחינוך הדורות ומשאת נפשו של מרן רביה"ק זי"ע מייסד קהלתינו, וכי אפשר להפוך הקערה על פיה ולבנות יסודות על מכתבים מזויפים ממקורם של בעלי מחלוקת אשר כבר נתחזקו לזייף.

ומי כמוהו כבמ"ע שליט"א אשר עמד אז לימין קדשו, אשר גלוי לפניו כל הדברים האלו מפורש יוצא מפי כהן גדול, עד כמה נגע הדבר ללבו ונפשו הטהור, ואשר אין מקום להטיל בו ספק כלל.

ועוד גם זאת, אשר האיסור להקים קהילות נפרדות פה בקרית יואל יצ"ו נאסרה מפי רוב מנין ובנין של גדולי ישראל דאז אשר מפיהם אנו חיים, הלא המה גאון ישראל המנחת יצחק זי"ע, הגה"ק רמ"א פריינד זצ"ל, וכל חברי בית דינו בית דין הגדול שבירושלים, ועוד גדולי ישראל, וכתבו בלשונם ש"חלילה לסייע באיזה אופן שהוא לכל מוסד או מפעל שנותן יד במישרין ובעקיפין להחליש או להרוס ח"ו את מוסדות הקודש שהקים צדיק הדור ומגינו כ"ק מרן הקדוש זי"ע מסאטמאר", עיי"ש, ואין ספק שלא נמצא בזמנינו מישהו שגדול מהם בחכמה ובמנין שיהיו ראוים לבטל דבריהם של ארזי הלבנון אדירי התורה או לפקפק בהם, ואיככה נהייתה כדבר הזה שיכשל ליתן יד לאלו אשר מעולם לא הרכינו ראשם לקבל מרות של איזה גדול בישראל, כי בהפקירא ניחא להו.

מן המותר להאריך כי לפרוץ פרץ בזה זאת אומרת שקרית מלך רב אשר מסר רביה"ק זי"ע נפשו עליה למען יהי' שם ושארית לחינוך הדורות בדרכי הקדושה, יהפוך על ידי כך לעיר פרוצה מבלי חומה, ואיש כל הישר בעיניו יעשה בהפקר, וכי יעלה על הדעת שלצורך זה יסד וכונן רביה"ק זי"ע את קריתינו בשארית כוחותיו, ומי הוא זה אשר ערב ולוקח על אחריותו כל הפירצות בחומת הדת והקדושה אשר יסתעף מזה חלילה, היל"ת.

תקותינו שכבמ"ע שליט"א יראה שחובת כבוד שמים וכבוד רביה"ק זי"ע מוטלת עליו לדאוג בל יצא מכשול כזה מתחת ידו, ובמיוחד שלא לגרום לזות שפתיים ובזיון התורה בעיני ההמון אשר מחמת הפליאה שבדבר יחליטו בלבם ויאמרו כי סיבות אחרות הם אשר גרמו להוצאת מכתב זה, ולקיים והייתם נקיים מה' ומישראל לפרש ולבאר התמיהות העצומות האלו.

בחרנו לכתוב מכתב זה רק לכבמ"ע שליט"א כי בין החותמים האחרים אשר זלזלו בכבודו וציערו את רביה"ק בעל ברך משה זי"ע בחיים חיותו, אין לנו מה לדבר עמהם, וגם לא כתבנו להגה"צ רבי יח"מ פריעדמאן שליט"א מורה ודאין רבות בשנים בקהלתינו הק', כי לדאבונינו הוכיחה הנסיון בעבר כי משמשיו וב"ב נמנעים מלמסור לו מכתבים הבאים מקהלתינו, מחמת דאגה על בריאת גופו.

תקותינו ובקשתינו מעומק לבבינו כי כבמ"ע שליט"א יראה את כל ונוכחת, ולא יסתעף ממעשהו חיזוק לאנשים הפורקים עול מעל צווארם, ולא יקח חבל בבזיון ת"ח ה"ה הגאון הדומ"ץ שליט"א, וחלילה לא יצא מדבריו בזיון ולעג וקלס לאותו צדיק וקדוש מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וגם לא יהא נראה הדבר כאילו הכריז כבמ"ע שליט"א על קהילה נאמנה של יראי ה' וחושבי שמו חסידים ואנשי מעשה כי אין מקומם בקהילות היראים.

כל זה מצאנו לנכון להביע את אשר עם לבבינו, ואנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים, והעושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל, ויקויים בנו אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובתינו בשמירת גדרי הקדושה חומת הדת, עדי נזכה לביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן .

**הנהלת הקהלה**

# דברים אמיתיים, קילורין לעינים!

**איסצוגן פון דרשות וואס זענען געזאגט געווארן ביי פארשידענע געלעגענהייטן בנוגע די מהרסים אין קרית יואל**

## דורך הרה"ג ר' משה מנחם טירנויער שליט"א

דומ"ץ בסאטמאר-מאנטריאל

**וואס זענען קילורין לעינים אין דעם ענין העומד על הפרק**

## די אלע זאכן זאג איך לדורות

... לכאורה איז שווער א גרויסע קשיא, ווי אזוי איז געקומען צו אזא מצב, און לכאורה אויף מיר איז אויך שווער א קשיא, צו וואס דארף איך רעדן, אזעלכע זאכן איז טובה השתיקה, אבער איך מוז זאגן, און מיט דעם וועל איך שוין ענדיגן – דאס איז די סיבה וואס האט מיך געברענגט יא צו רעדן דערפון, ווייל דאס איז נישט א זאך וואס איז שוין פארטיג.

דער רבי ז"ל ברענגט אין די הקדמה פון על הגאולה ועל התמורה זאגט ער דארט, איך שרייב דעם ספר נישט ווייל יעצט איז דאס נוגע, נאר איך קען דאך נישט וויסן על כל צרה שלא תבוא, **אז ס'וועט נאכאמאל פאסירן עפעס וכדומה און מען ווייסט נישט וואו איין וואו אויס, בין איך מחויב אמאל ארויסצוזאגן די זאך, מען זאל וויסן דאס עס זאל זיין א הוראה לדורות**, אזוי זאגט דער רבי ז"ל אין די הקדמה פון על הגאולה ועל התמורה.

**[א' במדבר תשנ"ה]**

## דתן ואבירם העצן יעדן אן!

... ס'וועט יעצט 15 יאר פונעם יארצייט פון רביין זי"ע, דער אויבערשטער האט אראפגעשטעלט א הנהגה און ב"ה ס'פירט זיך. ווער ס'האט דעמאלט מיטגעהאלטן זעט ס'איז ממש א נס, אז אלעס פירט זיך אזויווי דער רבי ז"ל האט געוואלט, סיי די מוסדות און סיי די שיטה, און די וואס זוכן מחרחר ריב צו זיין די קומען אן צום ערגסטן. איך וויים נישט וואו ס'וועט זיך נאל אויסלאזן.

איז אוי, ווען דאס פאסירט ביי סתם אידן איז גארנישט. ס'מאכט נישט אויס נאך א פרשה. **דער בעל דבר האט אבער נישט איינגערועט, האט ער זיך געטראכט וויאזוי מאכט מען אן א בלבול המוחות,**

**געוועגליך ווען א מופקר טוט עפעס דאס ארט נישט קיינעם, ווען מען הייבט אבער אן צו הערן אז דער רב האט אזוי געזאגט און דער דיין האט אזוי געזאגט, ווערט א טומעל, דער זאגט און דער אזוי.**

דער תירוץ אויף די אלע קשיות איז איין תירוץ:

מען זעט ביי די מחלוקת פון קרח און דתן ואבירם, איז געווען דער קרח א גרויסער בעל מדריגה, און די ר"נ ראשי סנהדראות זענען נישט געווען קיין קליינע מענטשן, נאר אליצור בן שדיאור וחביריו ווי רש"י זאגט.

**נאר וואס דען? ס'איז געווען איין דתן ואבירם! דער אור החיים הק' זאגט (אין פרשת פנחס) הוא דתן ואבירם אשר הצו, זאלסט וויסן אז דו זאלסט זיך נישט דערשרעקן, נאר דתן ואבירם זענען שולדיג געווען אין אלעם.**

**[פר' עקב תשנ"ד]**

# אין קרית יואל איז דא א מרא דאתרא

... די מעשה איז אזוי, א כלל גדול איז אז ביי יעדע שאלה וואס מאכט זיך, א יחידיישע שאלה, צי א קהליישע שאלה, איז געווען א כלל גדול אין אלע דורות, אז יעדע קהלה האט געהאט א רב, טאמער איז געווען א שאלה איז מען געגאנגען צום רב און דער רב האט גע'פסק'נט. **מען איז קיינמאל נישט געגאנגען צו א רב וואס וואוינט ערגעץ אנדערש, און אז טאמער האט מען זיך יא געוואנדן, האט יענער רב נישט געענטפערט.**

אז מען קוקט אריין אין אלע תשובות ספרים ווי חתם סופר און נודע ביהודה, זעט מען אז טאמער איינער האט געפרעגט א שאלה פון אן אנדערע קהלה האבן זיי געענטפערט, "איך ענטפער נישט קיין שאלה פון א אנדערע קהלה נאר פאר א רב, אז דער רב וועט מיך פרעגן וועל איך ענטפערן", און טאמער האט מען שוין יא אמאל געענטפערט א תשובה, האט מען געשריבן קלאר אז דאס נאר ביי זאכן וואס איז נישט נוגע קהליישע זאכן. טאמער האט איינער געפרעגט א שאלה פון הלכות שבת האט מען אים געענטפערט, אבער אפילו ביי סתם שאלות אויב איז געווען א חשש אז דער וואס פרעגט די שאלה האלט אנדערש ווי דער רב, האט מען נישט געענטפערט, און אסאך מאל האט מען געשריבן, אז במקום מרא דאתרא האב איך גארנישט געזאגט.

איז לכאורה שווער דא א גרויסע קשיא. לאמיר זאגן אז דא האט זיך געמאכט א שאלה, למעשה איז דא א מרא דאתרא, און אויב אן אנדערער רב האלט אנדערש זאל יענער רב שרייבן א תשובה צו דעם רב, היתכן דו טוסט אזוי, איך האלט אנדערש, און מען וועט זיך אראפזעצן.

דא איז נישט געשען אזוי, דא איז געווען אז קיינער האט נישט געפרעגט און קיינער האט נישט געזאגט, דער האט א פסק און דער האט א פסק, פון וואו קומט דאס אז מען געט פסקים אויף אלע זייטן. יעדע קהלה האט זיך זיין רב, צו סקווירא וועט האבן א שאלה, צי וויזניץ וועט האבן א שאלה, צי קאשוי וועט האבן א שאלה, וועט זיך קיינער נישט ווענדן צו אלע וועלטס רבנים, יעדער האט זיך זיין רב און זיין הנהגה.

* * *

און דאס דארף מען וויסן, אז אונז האב מיר ברוך השם א הנהגה, און ס'פירט זיך ב"ה, און דער וואס איז אויפן פלאץ דער ווייסט אלע חלקי הסותר והבונה, ער ווייסט פארוואס יא און פארוואס נישט, אבער דער פרעמדער מענטש ווייסט נישט.

אז מען קוקט אין פריערדיגע תשובות ספרים זעט מען דאך אז אסאך פראבלעמען האבן אנגעמאכט דאס וואס מען האט געפרעגט איינעם פון א צווייט פלאץ און ער האט נישט געוואוסט וואס טוט זיך, און ער האט געענטפערט א תשובה, און למעשה האט עס אנגעמאכט אסאך מהפיכות.

איך סיגעט איז אויך אזוי געווען, אז מען האט אנגעפרעגט רבנים פון גאליציע, וואס האבן נישט געוואוסט וואס טוט זיך דא. זיי האבן געענטפערט תשובות און דאס האט אנגעמאכט גאנצע מהפכות.

געוועהנליך איז טאקע אזוי, אז דער וואס איז נישט אויפן פלאץ דער ווייסט נישט און קען נישט ענטפערן. און במילא איז שוין פארענטפערט פארוואס דער זאגט אזוי און יענער זאגט אזוי, און מען פרעגט די קשיא פארוואס יעדער זאגט אזוי, און פונקט די סאטמארער דיינים זענען עפעס א חברה קלים?

**[פרי עקב תשנ"ד]**

# באתריי דמר טאר קיינער נישט פסק'נען, קרית יואל איז דא א מרא דאתרא

... איין טענה האב איך אויף די אלע זאכן – אז איך וועל זאגן אזוי און דער וועט זאגן פארקערט, ס'האט דאך נישט קיין שיעור, יעדער קען זיך דאך מפלפל זיין.

די ערשטע זאך, זאל מען וויסן – איך רעד דאך צו אינגעלייט, וואס האלטן ביי די התחלה פון זייער סדר החיים – ס'איז נישט קיין נייע זאך, ס'האט שוין פאסירט אזעלכע זאכן, און דער אייבערשטער זאל אפהיטן אז משיח וועט נישט קומען באלד וועט פאסירן נאכאמאל אזעלכע זאכן, און מען ווייסט נישט וואס צו טוען, עס ווערט א בלבול המוחות ס'איז אסור צו מותר, יהרג ואל יעבור אדער א חיוב, מען ווייסט נישט וואו מען האלט אויף די וועלט.

איז דא צוויי זאכן, קודם דארף מען וויסן, **זייט קבלת התורה האט מען אליץ געוואוסט, אז ס'איז דא חילוקי דיעות דארף מען וויסן אזוי. קודם כל, ווער עס וואוינט אויף א פלאץ וואו ס'איז א א מרא דאתרא.**

**איז דא, מען האט ממנה געווען א מענטש אויף דעם פלאץ, א תלמיד חכם אן ערליכער איד, דער איז ממונה צו זאגן זיין חוות דעת, איז די וואס וואוינען דארט דארפן מקבל זיין דעם חוות דעת.**

ס'איז מיר פונקט נזדמן געווארן א תשובה פון סעמיהאלער רב דער מהרש"ג, וועגן עפעס אן ענין פון א שוחט, צייכנט ער צו, אז אין דעם ספר מלחמות מצוה איז דא א קונטרס עין משפט פונעם ערך ש"י, ביי די מחלוקת אין סיגוט, זאגט ער דארט אין אות נ"ט אז דער בורר מצד די ספרדים האט געזאגט, ווי קען מען אסרין די שחיטה און זאגן אז דאס איז אסור, זיי האבן דאך גדולי ישראל וואס האלטן מיט מיט זיי, זיי מוזן דעם פאלגן דעם רב, זיי פאלגן אן אנדערן רב און זיי האבן אויף וועמען זיך סומך צו זיין.

זאגט ער אז ס'איז נישט אמת און ער ברענגט עטליכע תשובות, און ער ברענגט ראיות, א תשובת הרדב"ז <u>**אז יעדער מענטש וואס וואוינט אין א פלאץ, איז דער מרא דאתרא אים מחייב בין לקולא בין לחומרא, און אפילו אנדערע חכמים בעיר זענען אויך נישט מכריע, נאר דוקא דער חכם הממונה על העיר וואס מען האט אים ממנה געווען**</u>, זיין פסק איז מכריע בין לקולא בין לחומרא, דאס איז ווען מען האט א שאלה אויפן פלאץ.

די זעלבע איז ביי א שאלה אין הלכה. – מען זאגט אז עס שטייט נישט אין שולחן ערוך, איך ווייס נישט פארוואס מען זאגט אזוי, עס שטייט יא אין שולחן ערוך (יו"ד סי' רמ"ה) אז באתריי דמר זאל א פרעמדער נישט מורה זיין קיין איסור והיתר.

נאר וואס דען, ס'איז פארהאן אופנים אמאל וואס דער רב איז מוחל און ער קען באשטיין, אבער דאס רעדט זיך נאר ווען דער רב האט נישט געזאגט קיין שום חוות דעת.

ווען דער רב האט שוין געזאגט א חוות דעת, האט מען שוין אויך געהערט אז מען האט געהאלטן אנדערש, כבר הי' לעולמים, אבער וואס האט מען געטאן, אז מען קוקט אריין אין אלע ספרים זעט מען, אז ס'איז געווען די ערשטע אדרעס, מען האט זיך געוואנדן צו דעם רב, היתכן דו האסט אזוי געפסק'עט, וואו מען זאל קוקט, ס'איז נישט געווען אזא זאך מען זאל זיך אנרופן איידער מען האט זיך געוואנדן צו דעם רב, און נאכדעם וואס מען האט זיך מיט אים אויסגע'טענה'ט, אמאל האט ער יא איינגעזען אמאל האט ער נישט איינגעזען, כדרך תלמידי חכמים, מען האט זיך מפלפל געווען.

דא איז עס לגמרי נישט געווען. – נישט נאר ס'איז נישט געווען אז מען איז געגאנגען אנרופן דעם רב, ס'איז פארקערט, מען האט געוואלט רעדן מיט די מענטשן, און זיי האבן מיט אלע אופנים געמאכט אז ס'איז נישט געקומען דערצו.

[א' במדבר תשנ"ה]

# דער מסור איז חייב נידוי לכל הדיעות, און ער האט זיך צו דעם צוגעשטעלט

... צו דעם האט זיך צוגעשטעלט דער מסור הידוע אונזערער, וואס איך וויל נישט פורש זיין בשמו.

איך וויל זאגן נאך א זאך, די טבע פון מענטשן איז אז מען רעדט און מען רעדט פון א זאך, ביז עס ווערט שוין אזוי קאלט, איך האב דירעקט געבעטן מען זאל מיר שיקן – מען האט מיר עס געזאגט בעל פה, אבער איך האב געזאגט אז איך וויל עס זען.

דער גייט דאך ארום מסרן אין די צייטונגען – ס'איז עפרא לפומי' טויזנט מאל, וואס ער האט שוין צוזאם גערעדט אין אלע צייטונגען – אבער ס'איז נישט געווען געהערט אין די גאנצע וועלט, לעצטנס איז דאס אבער געווען אויפן טעלעוויזשאן, וואס איז געווען ממש אויף די גאנצע וועלט – איך וואוין דאך אין קאנאדא – און אינגעלייט זענען מיר געקומען זאגן אז גויים זענען אריינגעקומען אין די געשעפטן און געפרעגט, וואס טוט זיך מיט די אידן דא, ס'איז געווען אין יוראפ און אין די גאנצע וועלט, דארט האט ער גערעדט! און ער האט גערעדט אזעלכע ווערטער וואס מען דארף קריעה צו רייסן! איך קען עס נישט גלייבן.

על פי הלכה – איך בין שטארק מסופק איך וועל נישט פסקינען קיין שאלות – על פי הלכה איז ער מחויב נידוי, מען טאר מיט אים נישט האבן קיין מגע ומשא, בשום אופן שבעולם נישט, ס'איז נישט היינט קיין כח בי"ד יפה, אבער ווען מען וואלט ווען געקענט.

ס'איז טויזנט זאכן, אבער דאס?! א משומד פון דורות הקודמין וואלט דאס נישט געטוען, א איד וואלט זיך געדארפט לאן הרג'ענען און אנטון די גרעסטע יסורים אזא ווארט נישט צו זאגן אפילו פאר איין גוי, און נישט צו זאגן פאר מיליאן גוים, צו פאר צענדליגער מיליאן גוים.

איך וועל נאר זאגן אפאר שורות וואס דארט שטייט אויף וויפיל איך קען ענגליש.

מען פרעגט פארוואס מען דארף דעם סקול דיסטריקט, ענטפערט ער, זיי דארפן דען עדיוקעישאן? זיי מיינען נאר וואס מער געלט ארויסצופאמפן פון די רעגירונג, און זיי זאגן דאס, אבער זיי מיינען נאר ארויסצורייסן געלט פאר זייערע פראגראמען – דאס איז א מסירה שאין כמוהו!

נאכדעם זאגט ער דארט: האט מען שוין געהערט א שטאט אין די וועלט, וואס איינער וויל קויפן א הויז מוז ער געבן $10,000 פאר די קהלה – דאס איז זאכן וואס איז מסירה גמורה!

אין אמת'ן טאר מען דאס נישט נאכזאגן, איך זאג דאס נאר צו ווייזן ווי ווייט מענטשן האלטן, מען לעבט א גוטן טאג מיט אים ווי גארנישט – ער זאגט אז דער רבי לערנט אויס, אז ווער עס קומט אריין איז מען אים דן ווי א מערדער און מ'איז דן למיתה, דאס איז מסירה! און למעשה זיצט מען מיט אים און מען האט מיט אים.... – על פי הלכה איז ער חייב נידוי לכל הדיעות, צי מען איז אים יא מנדה צו נישט, מען טאר נישט האבן מיט אים קיין מגע ומשא, אויף אים קען מען זאגן שם רשעים ירקב, עס באדערט מיך גארנישט על פי הלכה, ער איז א רשע מרושע שאין כמוה, און דער האט זיך צוגעשטעלט צו דעם.

צו די באנדע גוים וואס האבן גע'מסר'ט דעם סקול דיסטריקט האט ער זיך אויך צוגעשטעלט, אויף אן אנדער אופן, אבער ס'איז נישט קיין חילוק.

[א' במדבר תשנ"ה]

# קרח האט זיך נישט אראפגעזעצט אויסהערן משה רבינו

... די מעשה איז אזוי, מען זאל קוקן וואס איז דער חילוק פון מחלוקת שמאי והלל און מחלוקת קרח ועדתו. **שמאי והלל האבן געהאט חילוקי דיעות, נו וואס טוט מען – מען שרייבט נישט קיין צעטלעך, קיין פאשקעווילן, קיין בירורי הלכה – מען זעצט זיך צוזאמען דער זאגט אזוי, ביז מען קומט צו עפעס צו. קרח ועדתו האבן זיך אינגאנצן נישט אראפגעזעצט מיט משה רבינו, ויקהל קרח, ויקומו לפני משה, מיט זייער פזמון.**

נאך מער, עס שטייט אין איינע פון די ראשונים, וידבר משה אל קרח ועדתו לאמר, ער האט אנגעהויבן צו זיי צורעדן, אבער קרח האט נישט געענטפערט. שפעטער האט משה רבינו געזאגט, סורו נא בני לוי, ער האט געזען אז ער האט נישט צו וועמען צו רעדן ער ענטפערט נישט, האט ער גערעדט צו די בני לוי און צו די אנדערע, ער איז געגאנגען צו דתן ואבירם, ער אליינס משה רבינו האט זיך אויפגעהויבן און איז געגאנגען, אבער זיי האבן נישט געהאלטן ביים טענה'ען מיט משה רבינו, מיט אים איז נישטא וואס צו טענה'ען.

ויקהל קרח את כל העדה, בדברי ליצנות האבן זיי איבערגעדרייט די וועלט, אבער מיט אים פערזענליך האט מען קיינמאל נישט גערעדט, מען האט נישט געהאלטן פאר וויכטיג צו רעדן – זיי האבן געהאט טענות "כי כל העדה כולם קדושים", אבער ווען משה רבינו האט געענטפערט האבן זיי נישט צוריק געענטפערט, נאר אפגעזאגט זייער פזמון.

דאס איז פשט מחלוקת קרח ועדתו, ער איז נישט געגאנגען פערזענליך צו משה רבינו זיך אדורך צו רעדן, קרח ועדתו האבן צווישן זיך אלעס ערלעדיגט, משה רבינו'ן האבן זיי נישט אריינגענומען אין חשבון, משא"כ שמאי והלל האבן זיך יא פערזענליך אדורך געשמועסט איז געווארן א מחלוקת הלל ושמאי – דארטן זעט מען וואס עס הייסט מחלוקת לשם שמים, און וואס ס'איז נישט לשם שמים.

איך וויל זאגן נאכאמאל, און טויזנט מאל, איך מיין נישט קיינעם צו באריהרן, אבער איך האב נישט קיין ברירה, ס'איז א בחינה פון לא אפשר ולא קא מכוין אויב קומט עפעס אויס, דער כבוד פון תלמידי חכמים דארף זיין חשוב ביי מיר און ביי יעדען, מען טאר נישט מבזה זיין קיינעם – אבער איך האב דאך נישט קיין ברירה די זאכן מוזן דאך ארויסקומען.

**[א' במדבר תשנ"ה]**

# ווער גייט מיט ווער?!

**... טאמער איז מען מסופק און וויל מען וויסן וואו דער אמת איז? זאל מען קוקן ווער ס'שיקט די אלע בריוועלעך און ווער איז דאס מפרסם, און פון וואו ווייסען דאס די אלע רבנים. ווער האט זיי מעורר געווען. דאס קומט אלעס פון איין שורש! די זעלבע מופקרים שטעלן זיך צוזאם.**

אזויווי רש"י זאגט אז מואב און מדין וואס האבן זיך כסדר געקריגט צווישן זיך האבן שלום געמאכט מלחמה צו האלטן קעגן די אידן, דער איז א נידריגער פון די ערגסטע קלאס, און דער קומט מיט זיין פרומען פנים, אלעס איז איין ציל צו צוברעכן, און ממילא פרעגט מען נישט אן. און נאכדעם לויפט מען צו אלע רבנים, און יעדער שרייט אז ס'איז עק וועלט און מען פרעגט אפילו נישט וואס עס טוט זיך ...

... דער שרייבער פון דעם קונטרס שרייבט, אז דאס איז עפעס א פארטיי וואס הייסט "סאטמאר", און ס'איז עפעס קעגן די תורה – אזא מין משוגעת?

**א ציבור אידן קען זיך נישט האלטן אן א ראש**, אזוי איז אייביג געווען און מען האט אלץ געוואוסט אז א קהלה מיט א חסידות האלטן זיך אינאיינעם, דאס האט ער א נאמען געגעבן פארטיי! – זיין ציל איז איין זאך: צו צוברעכן, און אז ס'זאל אים געלונגען צו צוברעכן סאטמאר, (דער אויבערשטער וועט אפהיטן און ס'וועט אים נישט געלונגען!) אבער ער האפט, און זיין ציל איז צו צוברעכן דעם כח פון סאטמאר.

ממילא אויב שטאמט דאס פון אזעלכע מענטשן, איז דאס טריפה ווי חזיר, א זאך וואס קומט פון אזעלכע מענטשן איז מרשעים יצא רשע.

זיי האבן זיך צוזאם געשטעלט, די רעפארמער, פושעי ישראלים, און די מוסרים מיט א מאסקע פון פרומקייט, און אזוי האט מען געקענט אריין כאפן די אלע רבנים.

**[פר' עקב תשנ"ד]**

# מ'מוז זיך האלטן אינאיינעם, אז מ'צוברעכט דאס צוברעכט מען דעם גאנצן כח פון די מלחמה קעגן ציונות

... איך האב שוין מיטגעמאכט אפאר יארגאנגען, כ'האב נאך מיטגעמאכט פריער ווען דער רבי זי"ל איז נאך געווען געזונט, כ'האב מיטגעהאלטן דאס גאנצע השתלשלות, וואס דער רבי זי"ל האט געהאט צו טון פארשידענס. איז ווי ווייט ס'איז געגאנגען פארן רביין זי"ל בנפשו דאס ענין אז מען זאל זיין אינאיינעם, זיך האלטן אינאיינעם, און דער יסוד דערפון איז געווען, ער פלעגט עס כמ"פ צו זאגן, אז אונז

פיר מיר א מלחמה מיט די גאנצע וועלט! די גאנצע וועלט פארשטייט אונז איננאנצן נישט, און מען רעדט נישט פון קיין אפיקורסים, נאר פון אידן שומרי תורה ומצוות – היינט איז שוין א ביסל אנדערש, אבער דעמאלט איז ער געווען ממש א יחיד, און מען מוז אנהאלטן א מיליטער פאר די גאנצע וועלט, אבער אין די רגע וואס מען צוברעכט דעם אייגענעם כח, קען מען אלעס פארלירן.

דער רבי ז"ל האט אמאל געטייטשט אין א פתיחה פון די ישיבה דאס וואס עס שטייט אין די משנה "הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה זדון", לכאורה וואס איז דער פשט "עולה זדון" עס האט געדארפט שטיין "נחשב כזדון" - האט ער געזאגט בדרך הלצה, אז געווענליך דער בעל עבירה דער טוט דאך אלע עבירות, אבער טאמער קען ער טרעפן עפעס א פעלער ביי דעם תלמיד חכם דעמאלט גייט ער מיטן קאפ ארויף, דאס איז פשט "ששגגת תלמוד" דעמאלט איז דער זדון עולה לגדולה.

ער פלעגט אלץ זאגן, אז דער כח ווען מען איז אינאיינעם קען מען זייער אסאך אויפטאן, אבער ח"ו טאמער מען צוברעכט דאס, צוברעכט מען דעם גאנצן כח פון די מלחמה.

היינט אין שוין אדורך אסאך יארן פון דעמאלט, ווען דער רבי זי"ע איז נישט געווען געזונט פאר אסאך יארן און איז שוין ארויף בגנזי מרומים, אבער ברוך השם ס'איז נאך געבליבן דער כח – אדער ווי דער רבי ז"ל פלעגט זאגן "דער פלעק סאטמאר" – דער פלעק סאטמאר כלפי חוץ איז נאך געבליבן, סאטמאר הייסט די עדה קדושה וואס בכמות ובאיכות שטייט דאס קעגן יעדע פירצה וואו ס'איז דא עפעס א זאך און ס'איז נישטא ווער, ס'איז חיטוטי שכבי וכדומה, ווייסט מען אז דאס איז דער כח פון סאטמאר, ס'איז אין ארץ ישראל, צי ווען עס איז דא פארשידענע נסיונות פון קרן הצלה וועגן געלט נעמען, די אלע זאכן פאראינטערעסירט נישט קיין אנדערן. פארשטייט זיך אז דאס איז צוזאמען מיט דעם כח פון די עדה החרדית, וואס עס גייט אינאיינעם.

אבער דער כח איז פארשטייט זיך אז דער בעל דבר פארטראגט דאס נישט און ער זוכט דאס צו צוברעכן.

**[א' במדבר, תשנ"ה]**

# אָן הנהגה איז נישטא קיין קיום

... עס איז אזוי, זיי טענה'ן נאך אז זיי מיינען דעם אויבערשטענס כבוד, אבער מען האט פעסט געשטעלט ברור אז זיי מיינען נישט מער ווי מהרס צו זיין די הנהגה, זיי זענען עס נאר מלבש אין כבוד שמים און דאס איז נאך דאס ערגסטע, מען טייטשט אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, דעם אותו, אז מען רעדט איין אז מען מיינט דעם אייבערשטען, דעם יצה"ר תעבירו מלבבכם.

ווי האט מען דאס נאך געהערט זייטין קיום העולם אז אין א שטעטעל זאל מען זיך קומען אויפשטעלן א צווייטן מוסד, און ביים רביין זכרונו לברכה איז אויך געווען אזא מעשה און דער רבי האט נישט צוגעלאזט. און בכלל קהל אין שטאט האט א רעכט נישט צוצולאזן אזא זאך. מען קען נישט טאן אזא זאך אן רשות, אן קיין הנהגה קען עס נישט אנגיין, **מען מוז האבן אן הנהגה אונטער וועמען מען מוז זיך אונטערווארפן, אן דעם האט מען נישט קיין קיום.**

**[שבת פר' החודש, תשמ"ט]**

# דרשת הרב הגאון רבי בנציון לאוב שליט"א

מו"צ בקהלתינו הק' וחבר וועד רבני משמרת חומותיך ירושלים

**אצל ה"אסיפה כללית" דקהל יטב לב ד'סאטמאר - א' משפטים תש"ע לפ"ק**

ברשות הרבנים הגאונים ובראשם הגאון דער דיין פון דא אין שטאט, וברשות כל הקהל הקודש הזה.

מען האט שוין פריער געהערט דא פונ'ם ראש הקהל, מען איז זיך צוזאמגעקומען פאר א וויכטיגע נקודה וואס איז נוגע צו קדושתן של ישראל, מיר וועלן אביסל אויסשמועסן, אביסל מרחיב זיין הדיבור בנוגע דעם שטאט דא אין קרית יואל.

דאס ווייסט יעדער איינער מען האט געהערט, מען קען נאך הערן פון די עלטערע יודן אינדערהיים, וויאזוי ס'האט אויסגעקוקט א קהלה, וויאזוי ס'איז געווען א שטאט אינדערהיים. יעדע קהלה האט א געהאט א שטאטס רב און ס'איז געווען א דיין אין שטאט אין אלע עניני קהלה, אלעס איז געווען נחתכים על פיו פונעם רב און פונעם דיין דארטן אין שטאט, צו ס'איז געווען אין כשרות, צו ס'איז געווען אין שחיטה, צו ס'איז געווען אין מקואות, צו ס'איז געווען אין סידור קידושין, יעדע פרט וואס האט אנבלאנגט פאר א רב, האט אלע זאכן פונ'ם שטאט באלאנגט פאר'ן רב און פאר'ן דיין פונ'ם שטאט, דאס האט יעדער געוואוסט און דאס האט יעדער פארשטאנען, אז ס'איז נישט שייך אפילו צו טוהן אנדערש.

און באמת דאס איז געווען די כח פון די ארטאדקסישע קהלות פון וואו רוב פון מיר שטאמען. אזוי איז דאס געווען איינגעטיילט יעדער האט דאס געוואוסט, יעדער יוד האט געוויסט אז ער באלאנגט צו די קהלה, און ס'איז נישט שייך אפילו צו טוהן אנדערש, דאס איז דער פסק פונ'ם רב און דער פסק פונ'ם דיין, און אזוי פאלגט מען, און מען האט דאס געוואוסט אפילו מיט צוגעמאכטע אויגן אז ס'איז נישט שייך אפילו צו טוהן אנדערש, און נאר אויף דעם אופן האט מען זיך געקענט האלטן אין אונגארן.

אין די אנדערע מקומות וואס איז נישט געווען אויף דעם אופן, איז ליידער צופאלן די יודישקייט, ס'האט זיך נישט געהאלטן. מען איז געווען קלוגער פונ'ם רב, און קלוגער פונ'ם דיין, מען האט נישט געפאלגט. מיט אזא היתר, מיט אזא היתר, ס'האט זיך ליידער טאקע נישט געהאלטן דאס יודישקייט. ביי די ארטאדאקסישע יונדנטום אין אונגארן איז געווען די סיבה פארוואס ס'האט זיך געהאלטן ווייל זיי האבן געוואוסט אז מען מוז פאלגן דעם רב, אזוי האט זיך געהאלטן די יודישקייט.

נאכ'ן קריג וואס איז ליידער בטל געווארן די אלע קהלות וואס איז געווען אינדערהיים און מען איז אנגעקומען דא אויף אמעריקע. דער רבי זי"ע איז געווען בראש פון די אלע ערליכע גדולים דא אין אמעריקע, אין ניו יארק, פון אונזער ציבור. מען האט זיך געזעהן מיט א מציאות אז ס'איז נישטא גארנישט, ס'איז נישטא קיין רב, ס'איז נישטא קיין דיין, ס'איז נישטא קיין קהלות, ס'איז נישטא קיין מוסדות, ס'איז נישטא פאר יונגלעך ס'איז נישטא פאר מיידלעך, ס'איז געווען ממש גארנישט! נישט קיין פלייש נישט קיין מילך, ממש גארנישט. ס'איז געווען יודן מען האט אנגעהויבן צו מסדר זיין, אויפצושטעלן יודישקייט.

ס'איז געווען באקאנט צעלימער רב ז"ל האט אנגעהויבן די מילך, דער רבי שפעטער איז געווען פארשידענע אופנים, וואס דער רבי האט געהאלטן [אז] דער ענין פון פלייש איז א

מורא'דיגער יסוד אין אידישקייט, מען זאל עסן כשר'ס, דער רבי האט זיך פארלייגט אז די שחיטות זאלן אויסגעהאלטן; ער האט אויפגעבויט א תלמוד תורה פאר יונגלעך, און חינוך לבנות פאר מיידלעך; דער רבי האט געעפנט א ישיבה וואו בחורים זאלן קענען לערנען תורה; דער רבי האט געעפנט א קהלה, קהל יטב לב האט דער רבי געעפנט, אויפגעשטעלט יסודות פון די קהלה, שטאטוטן, און אהערגעשטעלט א קהלה וויאזוי דער רבי האט געוואלט אז די קהלה זאל זיך פירן אזוי ווי מען האט דאס געפירט אינדערהיים.

[אבער] דער רבי זי"ע איז נאכנישט געווען צופרידן. ס'איז באקאנט אז דער רבי האט געזאגט אויב איך וועל נישט אויפשטעלן דאס שטעטל קרית יואל האב איך גארנישט אויפגעטוהן, דער רבי איז נישט געווען צופרידן.

מען האט אויפגעשטעלט דעם שטעטל קרית יואל, איז געווען א מעשה וואס איז געווען אין קעמפ, ס'איז געווען מיט'ן שאפראנער רב ז"ל, דער רבי איז דארט געווען, ער איז געווען באזוכן די בחורים. דער רבי האט אזוי געשמועסט, שאפראנער רב האט גערעדט מיט די בחורים, מען האט געשמועסט אביסל פון די קהלות וויאזוי ס'איז געווען אמאל, און מען האט גערעדט, ס'איז נתגלגל געווארן די שמועס, מען האט גערעדט פון די ארטאדאקסישע קהלות וויאזוי ס'איז געווען אינדערהיים, האט זיך דער רבי דעמאלט אנגערופן ווען איך האב געוואלט עפענען א שטעטל אז ס'זאל פונקט אזוי ווי אינדערהיים, זאל יעדער וויסן אז ער באלאנגט צום רב, יעדער איינער זאל וויסן אז ער האט שייכות מיט'ן רב און ער פאלגט דעם רב, אזוי ווי ס'איז געווען אינדערהיים, יעדע קהלה האט געהאט א רב, און יעדער האט פארשטאנען אז מען קען נישט טוהן אנדערש ווי דער רב הייסט.

דער רבי האט געוואלט עפענען א שטעטל אז ס'זאל זיין אויפ'ן זעלבן מהלך, און אויף דעם אופן האט מען געהאלטן יודישקייט אמאל, און אויף דעם אופן האלט זיך יודישקייט היינט צו טאג, בערוב ימיו ווען דער רבי זי"ע איז געלונגען מיט גרויס סייעתא דשמיא אהערצושטעלן דעם שטעטל, דאס ווייסט שוין היינט יעדער, וויפיל נסים נסתרים, מען קען זאגן אפילו וויפיל נסים גלוים וואס ס'איז געשעהן אז די שטעטל שטייט אזוי היינט צו טאגס.

אבער לאמיר אנהויבן צוביסלעך, ווען מען האט אפגעקויפט דעם שטעטל, וואס דער רבי האט אהערגעשטעלט און אויפגעבויעט דעם שטעטל, איז געווען דער מציאות מען האט זיך ארויסגעצויגן דא פארשידענע אידן בזעיר אנפין, דער רבי איז ארויסגעקומען, ס'איז געווען א פאר יודן, און דער רבי האט דא אויפגעשטעלט די קהלה, און דער רבי האט ממנה געווען א דיין אין שטאט.

דער רבי האט אויפגעשטעלט דעם דיין. ס'איז באקאנט אז ס'איז געווען פארשידענע עובדות און פארשידענע אופנים וואס דער רבי אלץ געזאגט אז מען זאל זיך ווענדן צום דיין, צי ס'איז געווען ווען דער ירושלימער רב ז"ל דער מנחת יצחק איז געווען דא תשל"ח ביי קרן הצלה, און ער האט געוואלט עפעס דורכשמועסן א נידון מיט'ן רבי'ן אין לערנען, האט ער געשיקט צום דיין אין שטאט, און דער מנחת יצחק ז"ל איז געגאנגען צום דיין זאל זיין געזונט איבערשמועסן דעם נידון וואס ער האט געוואלט. צי ס'איז געווען פארשידענע עובדות, וואס איז טאקע נוגע די סידור קידושין, וואס דער רבי ז"ל האט געזאגט אז ס'איז דא א דיין אין שטאט און מען דארף אים מכבד זיין, אים באלאנגט דאס, און מען דארף אים מכבד זיין, אזוי איז דא פארשידענע עובדות וואס דער רבי האט אויפגעשטעלט די שטאט, און ער האט געוואלט אז ס'זאל זיין דא דער דיין אין שטאט, און ס'זאל זיך פירן די קהלה אזוי ווי ס'איז געווען אינדערהיים, מען האט געפאלגט יעדער דעם רב און אזוי שפעטער דעם דיין אויך.

שפעטער לאחר פטירתו האבן אלפי חברי קהלתינו הק' אין אמעריקא און אין די גאנצע וועלט מקבל מרות געווען פונ'ם רבי'ן ז"ל דער ברך משה, טאקע דא אין דעם פלאץ אין דעם שטאט, וואו אסאך יודן, רוב ציבור געדענקען נאך וואס איז געווען תש"מ, וואס דער רבי ז"ל איז געווארן [אויפגענומען] איבער אלע קהלות, און ס'איז געווען דארטן בצדו איז געשטאנען דער בי"ד הגדול אין ירושלים עיה"ק, און ס'איז געווען בהשתתפות פון ר' יענקעלע ז"ל דער פשעווארסקער רבי, מיט תולדות אהרן רבי ז"ל, ועוד ועוד כמה גדולים.

איבעראל אין די גאנצע וועלט, יעדער ווייסט דאס, ס'איז נישט קיין סוד, איבעראל איז נקרא געווארן שמו צו זיין דער ממלא פונ'ם גרויסן הייליגן רבי'ן זי"ע. שפעטער דאהי דער רבי האט אריינגעלייגט א געוואלד כוחות דא אין דעם שטעטל, קרית יואל. ס'האט זיך אויסגעשטעלט היינט צו טאג, פאר אן עיר ואם בישראל.

דער רבי [ז"ל] האט ממנה געווען זיין זוהן דער רבי זאל זיין געזונט אז ער זאל זיין דא רב אין שטאט, און ס'האט זיך אזוי געבויעט צוביסלעך די שטעטל, וויאזוי מען זעהט ממש ס'איז געווארן א מגדל עוז פאר די גאנצע וועלט. מען זעהט די תלמוד תורה דא אין שטאט, די בית חינוך פאר מיידלעך. מען קוקט אן אין די גאנצע וועלט, אז מען וויל אפצייכענען א דוגמא וויאזוי א שטאט אויסצוקוקן, וויאזוי דארפן אויסקוקן תלמוד תורה'ס, וויאזוי דארפן אויסקוקן די בית חינוך לבנות, פרעגט זיך אלץ די שאלה, וואס טוהט מען אין קרית יואל, וויאזוי גיט מען זיך אן עצה מיט די פראבלעם אין קרית יואל, וויאזוי איז מען מחנך די קינדער אין קרית יואל.

ס'איז א שם דבר אין די גאנצע וועלט, איבעראל קוקט מען, וויאזוי מען זעהט, וויאזוי מען פירט זיך אין קרית יואל, ס'האט זיך אויסגעשטעלט ממש פאר א מגדל עוז, און מען זעהט בחוש ווי גברא דמריה סייעיה, דער רבי זאל זיין געזונט איז די שטאט'ס רב, מען זעהט ממש בחוש וויאזוי ער טוהט אויף גדולות ונצורות אין יעדע פרט אין יודישקייט.

ס'איז נישט קיין סוד יעדער ווייסט דאס, יעדער זעהט דעם אמת, הן בנוגע אין חלק פון שחיטה ער האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כחות ס'זאל זיין ממש מהודר אזוי ממש אז יודן זאלן קענען עסן רואיג א כשר שטיקל פלייש, צי ס'איז די חלק פון מצות, אז מען האט אריינגעלייגט כוחות אין דעם אז מען זאל קענען עסן געהעריג כשר'ע מצות, מהודר, למהדרין מן המדרין, [ער] פרובירט נאכצוגיין, זעהן ס'זאל זיין אויסגעהאלטן אינגאנצן. מען דארף האבן אחריות אידן דארפן מצות פסח, יודן דארפן עסן א כשר שטיקל פלייש און אזוי ווייטער אנדערע ענינים וואס ס'טוהט זיך דא אין שטאט, דער צניעות מיט די קדושה וואס ס'איז דא אין שטאט, און די גאנצע וועלט קוקט מען, מען קוקט נאך און מען קוקט ארויף וויאזוי טוהט מען דארטן, וויאזוי איז מען זיך דארטן מסדר.

און דאס אלעס קומט וויאזוי דער רבי ז"ל האט אהערגעשטעלט די שטעטל, ס'איז דא א בעלות, ס'איז דא א מרא דאתרא, מען דארף זיך פירן וויאזוי די תורה הק' האט אונז געהייסן טוהן. די תורה הק' הקדושה האט געהייסן רעדן, די תורה האט געהייסן טראכטן, וויאזוי די תורה האט געהייסן טוהן יעדע פעולה ופעולה.

יעדער פארשטייט אליינס אז אין א קהלה וואס ס'איז נישטא קיין רב קען מען זיך ליידער לערנען פון אנדערע קהלות, ס'איז ליידער דא גענוג און נאך דוגמאות מען זעהט קהלות וואס ס'איז נישטא קיין רב און ס'איז נישטא קיין בעל בית, יעדער טוהט וואס ער וויל, מיט אזא היתר מיט אזא היתר וויאזוי ס'קוקט אויס, איך דארף נישט ברענגען קיין דוגמאות.

פון די צווייטע זייט, מען זעהט דאס ממש בחוש וויאזוי די סייעתא דשמיא שיינט דא ארויס, וואס איז אלעס טאקע ממש נאר בכח פון דעם מען האט זיך דא אהערגעשטעלט

און ס'פירט זיך אזוי, און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער ביז משיח'ס טאג, און ס'פירט זיך יעדער איינער איז כפוף, און מען אויספאלגן אלע הוראות וואס ס'קומט ארויס, וואס ס'איז געבויעט על פי דרכי אבותינו ורבותינו.

יעצט בנוגע מען איז זיך צוזאמגעקומען דא, פון איין זייט איז א מורא'דיגע שמחה, מען זעהט וויפיל אידן קומען זיך צוזאמען כאיש אחד בלב אחד, אלעס ווייל מען וויל מקבל זיין אויף זיך די עול מלכות שמים, דעם עול תורה אזוי ווי מען האט אונז געלערנט.

פון די צווייטע זייט. מיר זענען זיך צוזאמגעקומען בנוגע אן ענין מר הנוגע לעיקרי דת תורתינו הק', ווי ס'איז לשון קדוש פונ'ם רבי'ן ז"ל. איך וועל נאכזאגן די לשון פון רבי'ן זי"ע, דער רבי שרייבט אין א בריוו, ענין מר הנוגע לעיקרי דת תורתינו הק'.

פאר מיר זענען אהערגעקומען דא אין ביהמ"ד, האט דער דיין זאל זיין געזונט צוזאמגערופן דא די אלע פארזאמעלטע רבנים, צוזאמגערופן אן אסיפה ביי זיך אין שטוב, דער דיין האט געזאגט אז ער פילט פאר וויכטיג איבערצוגעבן פארשידענע נקודות, איך וועל נישט מאריך זיין אין אלע פרטים, מען איז דורכגעגאנגען, ס'ווייסט יעדער איינער, ס'איז געווען א מורא'דיגער מכשול וואס ס'איז געשעהן דא אין דעם שטאט.

מען האט דן געווען די חלק הלכה, מען האט דן געווען די חלק ווי גרויס די שטאט איז, וואס ס'באלאנגט אלץ פאר קרית יואל און ווי ווייט ס'גייט, און מען האט אויסגעשמוסט דעם חלק וואס דאס מיינט מאכן א סידור קידושין אן די רשות פון דעם מרא דאתרא. דאס איז קלאר געווען ביי יעדען, ברור כשמלה, אז ס'איז נישט שייך צו זאגן, אז מען גייט ארויס א גאס פון שטעטל, צען גאסן ארויס פון שטעטל, ס'באלאנגט אלעס פאר קרית יואל, ס'איז נישט שייך צו מאכן א סידור קידושין אן די מרא דאתרא.

אז מען איז זיך מתבונן אין די פוסקים, מיר וועלן הערן באלד פונ'ם דיין זאל זיין געזונט, מען איז זיך מתבונן אין די לשון הפוסקים, ווי שארף זיי האבן דאס אויפגענומען, ווי שטארק זיי האבן געהאלטן אז ס'איז נוגע ממש אין די עיקרי הדת, דאס איז דער לשון פון רבי'ן זי"ע. דאס מין מציאות אז מען זאל קענען מאכן א סידור קידושין אן דעם רשות פון די מרא דאתרא אדער זיין באי כחו, איז נוגע ממש מיט אן הפקרות. יעדע רב ומורה, ער וועט טרעפן דעם רב און יענער רב, יענער וועט זאגן דאס איז מותר, יענץ איז מותר, וויאזוי מען זעהט אין די פוסקים פארשידענע עובדות און מכשולות וואס ס'איז שוין ארויסגעקומען.

וועגן דעם ווייל ס'איז געווען אין דער ענין א ענין פון הפקרות, ממילא וועגן דעם איז קלאר געווען, מען וועט באלד הערן קלאר דעם פסק פונ'ם דיין, די הארבקייט און די חומר וואס מען זעהט דאס.

איך וויל נאר איבערגעבן, ס'האט מיר איבערגעגעבן דער ראש הכולל פון ווילאמסבורג, הרב ר' נפתלי הירצקא צוויבל ער זיצט דא, ס'איז אים אויסגעקומען אמאל צו רעדן מיט'ן רבי'ן ז"ל דער ברך משה בנוגע דעם נושא פון סידור קידושין אין קרית יואל. האט דער רבי דעמאלט געזאגט, מען האט דן געווען [מען האט נישט אויסגעפירט די הלכה למעשה, מען האט קיינמאל נישט געגלייבט אז ס'וועט נוגע זיין למעשה].

האט מען דן געווען אז כידוע איז דא א גרויסע שאלה אין די פוסקים בדיעבד, טאמער האט מען מסדר קידושין געווען אין א שטאט אן די רשות פון די מרא דאתרא וואס די הלכה איז. ס'איז דא פוסקים וואס האלטן אז מען דארף נאכאמאל איבערמאכן די קידושין, אזוי פסק'עט דער שואל ומשיב אין חלק ג' סימן רל"ט, קידושין איז בטלין, די קידושין איז בטל. אנדערע פוסקים דער מהרש"ם אין חלק א' סימן ק"ס האלט דער מהרש"ם אז בדיעבד איז די קידושין יא א קידושין.

למעשה די מנהג איז געווען, וויאזוי מען זעהט אין פארשידענע מקומות, אין שטעטלך אינדערהיים, ס'האט זיך געמאכט אזעלכע שאלות, און מען האט איבערגעמאכט די קידושין, אזוי ווי ס'איז באקאנט, דעמאלט האט מען נאך נישט געוואוסט די בריוו פונעם רבי'ן זי"ע, ס'איז געדרוקט אין אגרות מהרי"ט, ווי דער רבי שרייבט בנוגע אזא שאלה, שרייבט דער רבי אז מען זאל איבערמאכן די קידושין, דער רבי האט געזאגט זייער שארף אז מען זאל איבערמאכן דעם קידושין.

מען וועט באלד הערן פונ'ם דיין. אין שו"ת לבושי מרדכי, מהדורא תנינא סי' נ', זאגט דער לבושי מרדכי אז אפילו לויט'ן מהרש"ם אז די קידושין איז כשר בדיעבד, זאגט דער לבושי מרדכי אז טאמער די תקנה פון קהל איז געווען אז מען טאר נישט מסדר קידושין זיין, און די תקנה איז געווען אז אויב יא איז די קידושין פסול, איז משמע פון לבושי מרדכי אז דער מהרש"ם איז אויך מודה אז די קידושין איז פסול בדיעבד, מען קען אריינקוקן אין לבושי מרדכי מהדורא תנינא סי' נ'.

ער שרייבט מיט א שארפקייט, אז אויב די תקנה איז נאכנישט געווען אויף דעם אופן זאל מען זיך צוזאמנעמען און מאכן די תקנה אויף דעם אופן כדי ס'זאל נישט צוקומען צו קיין מכשול, און ס'זאל זיך נישט טרעפן קיין פורץ גדר, וואס זאל וועלן עובר זיין אויף די תקנה און מאכן סידור קידושין אן די רשות פון דעם מרא דאתרא.

מען האט דן געווען דעמאלט וויאזוי די תקנה דא (אין קרית יואל) איז געווען, צו ס'איז בדיעבד, ווי ווייט ס'איז געגאנגען די תקנה. דאס איז געווען די איינציגסטע מאל וואס מען האט גערעדט פון דעם, די שארפקייט וואס דער רבי האט געהאט איז בנוגע די שאלה פון בדיעבד, אבער אן דעם חלק פון בדיעבד, מען קוקט אריין אין די לשונות פון די ישועות יעקב, מען וועט באלד הערן פונ'ם דיין.

מען זעהט ווי דער רבי זי"ע, די שארפקייט מיט וואס דער רבי באצייכנט זיך צו דעם, הן צום רב וואס ס'איז מסדר קידושין, מען זעהט אין ישועות יעקב צי כנסת יחזקאל די שארפקייט, זיי זענען גוזר מיט אזעלכע שארפע לשונות, גזירות. און הן די מסובין וואס ס'שטייט דארט אין אגרות מהרי"ט, ער איז מעתיק דעם לשון פון ישועות יעקב, די ציבור זאל זיך נישט משתתף זיין און געבן כח פאר די, כדי מען זאל קענען ח"ו מסייע זיין לעוברי עבירה.

און בפרט ווען די כוונה, דער ציהל, איז נאר להקניט. מען זעהט אין די פריערדיגע פוסקים וואס ס'איז נוגע נאך פארשידענע שאלות, חוץ אין חלק פון השגת גבול, און חלק פון מבזה זיין, ס'איז דא נאך פארשידענע שאלות, וואס צייכנט דארטן צו בית יצחק מיט'ן מהרש"ם אז מען רעדט פון דאורייתות ממש.

זעהט מען די שארפקייט וואס דער רבי שרייבט די לשון, אז ואם לא יצייתו בוודאי יתחרטו, מורא'דיגע לשונות פון'ן רבין, ואם לא יצייתו ח"ו, בוודאי יתחרטו, דער רבי שרייבט בוודאי יתחרטו. דאס ווייסט יעדער אז ווען דער רבי האט געשריבן א בריוו, האט דער רבי נישט געשריבן סתם אזוי, מען שרייבט וודאי מיינט דאס בוודאי. און דער לשון פון לבושי מרדכי, איז מי לא יחוש, להני סבא, ווער האט דען נישט מורא פון די עלטערע רבנים, פון שואל ומשיב און הרי בשמים, וואס זיי שרייבן מיט אזא שארפקייט אז מען דארף נאכאמאל איבערמאכן די קידושין. ומי לא יחוש להלבושי מרדכי.

די פסק וועט מען באלד הערן פונעם דיין, דער דיין וועט יעצט איבערזאגן די לשונות פון די פוסקים וואס איז מבואר בנוגע די שאלה דא אהער. איך האב געוואלט אביסל דא אויסשמועסן מען זאל וויסן די נקודה ווי ווייט ס'איז געווען.

און דער אמת איז, אז מען זעהט די גדולי הרבנים דאהי, פון די גאנצע וועלט, מען האט שוין געפרעגט און מען האט שוין גערעדט צו זיי, און זיי האבן זיך אלע באצויגן אז ס'איז א שפיל מיט פייער, ס'איז א סכנה מען זאל נישט גיין. ס'איז דא עדים נאמנים, פון משפחה וואס האבן געפרעגט צו מען זאל זיך משתתף זיין ביי אזא שמחה וואס ס'איז נישט געווען לויט די הוראה פונ'ם דיין, מען האט אלע געזאגט מען זאל וויסן ס'איז א שפיל מיט א סכנה, שפילסט זיך מיט א סכנה, מען זאל נישט גיין.

ממילא יעדער האט פארשטאנען אז ס'איז ממש א שפיל [מיט פייער], וויאזוי מען זעהט פון די פריערדיגע פוסקים, די הארבקייט און לשונות וואס זיי דרוקן זיך אויס, איך וועל איבערגעבן דיווארט פאר'ן דיין וואס ס'האט פריער געזאגט, און יעדער ווייסט דאס, דער רבי ז"ל האט אים געשטעלט דא, און זיין תפקיד איז דא, ער האט דעם אחריות פון דעם קהלה, און ער פירט דאס אויס מיט א גרויס נאמנות וואס שפירט דעם אחריות, פארדעם האט ער צוזאמגערופן די רבנים ביי זיך אין שטוב ווייל ער שפירט די אחריות וואס ס'ליגט אויף אים, אז די קהלה זאל זיך פירן אויף דעם דרך וואס מען האט אונז געלערנט, וואס מען ווייסט, וואס איז מקובל לנו, בפרט וואו ס'איז דא א הוראה מפורשת פון רבי'ן זי"ע.

# עת לחשות, ועת לדבר!

## דער ביטערער אמת איבער וואס האט זיך אפגעשפילט בשנותיו האחרונות פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

### אקדמות מילין

די קומענדיגע שורות פאלן אריין אין דער אור-אלטער קאטעגאריע פון "אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר". די טעמע אזוי האקל, אזוי וויטאגליך, אז עס איז נאך קיינמאל נישט געהעריג אויסגעשמועסט געווארן, נישט צווישן אנשי שלומינו וועלכע בלוטיגן דערוועגן שוין העכער צען יאר, און זיכער נישט אין א פלאטפארמע וואס איז געצילט אנצוקומען צום גאנצן יהדות החרדית.

ליידער האבן די אומשטענדן אזוי דערפירט אז עס איז אוממעגליך וויטער צו שווייגן. ווען מיר זעהן מיט די אויגן אז עס קען ליידער צוקומען לאחר פטירתו של רבי אזא שטארקע פגיעה בכבודו וסילוף דעתו ורצון קדשו, , דורך נוצן די ווערטער און בריוו וואס זענען פארשפרייט געווארן אין א צייט וואס איז געווען והוא מחולל מפשעינו, און נאכדערצו אין א פרואוו עוקר צו זיין ענינים וואס בארירט יסודות הדת, און ממש מהיפוך להיפוך פון וואס דער רבי זי"ע האט אלע יארן אונז געלערנט, בלייבט אונז נישט איבער קיין אנדערע ברירה נאר צו מברר זיין הדברים כשמלה לפני העדה.

מיט א תפילה צו השי"ת אז עס זאל נישט ארויסקומען חלילה קיין מכשול און קיין חילול ה' מתחת ידינו זענען מיר געצווינגען איינמאל פאר אלעמאל ארויסצולייגן עכ"פ חלקים פון די וויטאגליכע פרשה וויאזוי זי האט זיך אפגעשפילט, כדי אפצוראטעווען דעם כבוד המחולל פון רבי'ן זי"ע וואס די אנשי זדון האבן מבזה געווען בראש כל חוצות פאר זייערע ענגע אינטערעסן, למען ידעו דור אחרון וואס דא איז פארגעגאנגען.

מיר גייען זיך דא נישט באציען צום עצם 'פסק דין', וואס מיר וועלן איבערלאזן פאר די אנדערע שפאלטן פון דעם רייכן קונטרס און בירור הלכה, אונזער ציל איז אך ורק צו רייניגן דעם רבי'נ'ס נאמען און נישט צולאזן אז מ'זאל זיך באנוצן בשמו ובזכרו פאר א מטרה וואס איז קלאר געווען היפך דעת קדשו.

אזוי אויך זענען מיר נישט אויסן דא אריינצוגיין אין די גאנצע פארוויקלטע פרשה וואס האט זיך אפגעשפילט איבער די לעצטע צען יאר בכל פרטי', און וואו מ'האט ליידער אויך אריינגעמישט דעם נאמען און כח פון רבי'ן.

דער איינציגער ציל פון דעם ארטיקל איז איבערצוציגן קליפ און קלאר לדורות עולם, והי' כי יאמרו אליכם בניכם אז מ'זאגט נאך פארשידענע זאכן אין נאמען פון רבי'ן דער ברך משה, זאכן וואס זענען מעורר שאלות ותמיהות, זאל מען האבן גענוג פאקטן גרייט כשולחן הערוך, צו פארשטיין דעם גאנצן אמת כמו שהוא און אז מ'קען נישט בויען אויף ווערטער וועלכע זענען געזאגט געווארן אין דעם מצב אין וואס דער רבי זי"ע האט זיך געפינען.

אט ווען מיר אנהייבן דעם מאמר, מיט'ן ציטירן עטליכע אויסצוגן פון די רייד וואס איז איבערגעגעבן געווארן עפ"י צוואתו פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, דורך תלמידיו הנאמנים ווענען ער האט פארטרויעט אט דעם שליחות:

**דברי רביה"ק בעל ברך משה זי"ע**
**כפי עדותו של תלמידו הנאמן הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א**
ראה"כ ד'סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א - בפני אלפי ישראל,
בהספידו על רביה"ק זי"ע באמצע השבעה, בביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר וויליאמסבורג

**"דאס איז מיין דעת געווען אלע יארן, קיינעם וועט נישט בייפאלן אנדערש. ס'איז א דבר פשוט, יעדער ווייסט מיין דעת, און יעדער ווייסט איך האב מגלה געווען דעתי להלכה ווען ס'איז געווען נוגע להלכה, אז נאך די אכציג יאר קען מען זיך נישט טוישן די מיינונג, ממילא איז עס א דבר פשוט מאוד".**

**דברי רביה"ק בעל ברך משה זי"ע**
**כפי עדותו של הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנטשעסטער שליט"א בפני אלפי ישראל,**
בהספידו על רביה"ק זי"ע ככלות השבעה, בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל

"דער רבי איז געווען שוואך, ס'איז זייער שווער עס צו זאגן, און דער רבי האט זיך גענומען יעצט פון מיין זיידן, אזויווי איך האב גערעדט פון מיין זיידן האט דער רבי גענומען דערציילן א מעשה וואס איז געווען שטארק מרגלא בפומי' צו דערציילן, ווען מ'איז פריי געווארן פון מיליטער [וכו'], געזאגט די מעשה פון אנהויב ביז צום סוף, און דער רבי געזעגנט מיך: "דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין געזונט", און ס'ענדיגט זיך.

נאכאמאל, ס'איז שווער צו זאגן, ער איז דאך געווען שוואך, האב איך געפילט ס'איז דאך נישט קיין יושר, דער רבי האט מיר דאך גערופן און ער הייבט דאך אן עפעס צו זאגן דברים כדרבונות, וועל איך דערמאנען דעם רבי'ן.

האב איך דערמאנט דעם רבי'ן: "דער רבי האט דאך עפעס געוואלט זאגן וועגן רבי אהרן", האט דער רבי ווייטער אנגעהויבן, יעצט שרייב איך מיר ווייטער לשון קדשו:

"איך ווייס נישט וואס זיי ווילן פון אים, ער איז דאך פון קינדוויז אן אזוי אפגעהיטן. וואס ווילן זיי פון אים?! וויל איך דיר זאגן" - **דער רבי האט מיר געזאגט אויף איינעם, איך האב א ספק צי ס'איז לפי כבודו, איינעם פון די קרובים פון רבי'ן ז"ל וואס איז אויף דער עלטער געווארן שוואך און האט פארגעסן, האט מיר דער רבי געזאגט: "ער האט אויך אנגעהויבן צו פארגעסן, איך האב מורא אז איך פארגעס, איך מורא איך וועל אליינס זאגן אנדערש ווי איך זאג".**

איך מוז איבערזאגן די ווערטער, **"איך האב מורא איך פארגעס, איך האב מורא איך וועל זאגן אליינס אנדערש ווי איך זאג".**

"איך האב עס געזאגט פאר רבי נפתלי'ן אויך", [איך האב נישט געכאפט פונקטליך דעמאלט ווען דער רבי מיינט, איך האב נישט געכאפט דעמאלט אז ר' הירצקא, הרב ר' [נפתלי] הירצקא צוויבל פלעגט דער רבי רופן ר' נפתלי. איך האב נישט געוואלט איבערפרעגן ווען דער רבי מיינט, אבער ס'איז מיר שוין אויסגעקומען במשך הזמן].

**"איך האב עס געזאגט פאר אים אויך, איר זאלט ביידע געדענקען צו זאגן, על פי שני עדים יקום דבר, ועמדו שני האנשים".**

דוכט זיך אז אויף די ווערטער פון רבי'ן ז"ע זעלבסט דארף מען נישט מוסיף זיין. דאס איז געווען בלויז איינע פון מערערע פעלער וואס דער רבי ז"ע האט געלאזט הערן זיין דעת תורה מיט דער מיינונג אז דאס אויסנוצן א שוואכן מאמענט פון אן אלטן שוואכן איד דורך סיי וועמען פאר סיי וועלכער צוועק טראגט נישט דאס מינדסטע הלכה'דיגע ווערד.

ליידער ליידער איז געווען איהו חלי ואיהו מרגיש, לב יודע מרת נפשו, ער האט ריכטיג פאראויס געזאגט אז די אויבי איש אנשי ביתו וועלכע האבן אים ארומגערינגלט, עדת מרעים הקיפונו, וועלן אויסנוצן זיין שווערן מצב פאר זייערע פריוואטע מעשי השחתה.

**"זייענדיג דער יחיד מומחה אין שו"ע חושן משפט נאכן זיצן צענדליגער יארן על כס ההוראה און האבנדיג געווען א טייל פון די שווערסטע דיני תורות העכער דרייסיג יאר, האט ער מוסר מודעא געווען כהלכה פאר צוויי כשר'ע עדות, תלמידי חכמים מפורסמים, אז ס'קען נאך קומען א צייט וואס מ'וועט ארויסרוקן פון אים פארשידענע ווערטער און דיעות שלא כרצונו, און ער האט אלעס פון פאראויס מבטל געווען כדת וכדין!"**

און טאקע דערפאר, זייענדיג דער יחיד מומחה אין שו"ע חושן משפט נאכן זיצן צענדליגער יארן על כס ההוראה און האבנדיג אנגעפירט א טייל פון די שווערסטע דיני תורות העכער דרייסיג יאר, האט ער מוסר מודעא געווען כהלכה פאר צוויי כשר'ע עדות, תלמידי חכמים מפורסמים און געשוואוירענע חסידים וועמען ער האט געטרויעט מיט זיין לעבן, אז ס'קען נאך קומען א צייט וואס מ'וועט ארויסנעמען פון אים פארשידענע ווערטער און דיעות שלא כרצונו, און ער האט אלעס פון פאראויס מבטל געווען כדת וכדין, אז די אלע צעטלעך אדער באמערקונגען זענען גארנישט ווערט, חספא בעלמא!

באמת, אונזער נארמאלע אונשטענדן וואלט מער גארנישט אויסגעפעלט מצדינו. דער רבי ז"ע האט זיך מייסטערהאפט באווארנט פון אלע פראבלעמען וואס איז געווען פאר יעדן וואס האט מיטגעהאלטן דעם מצב פונדערנאנט, און וואלט אונז געדארפט איינשפארן דעם צער און וויי'טאג פון איבערגיין נאכאמאל די שווערע תקופה, און דערצו דאס ארויסלייגן ברבים.

נאר וואס דען?!

## מ'קען מער נישט שווייגן!

שוין העכער צען יאר וואס קהלתינו הק' האט אנגענומען א פול מויל מיט וואסער איבער די טעמע. דער וויי'טאג און שודער איז בלויז איבערגעגאנגען מפה לאוזן, קיינער האט זיך נישט געקענט ברענגען צו בארירן די טעמע ברבים צוליב די האקלקייט פון דעם ענין.

אודאי, במסתרים תבכה נפשינו. דעם רבי'נס געטרייע תלמידים וחסידים האבן אסאך בלוט און טרערן פארגאסן אויף דעם מצב, דאס הארץ איז איינגעגאנגען אויפן רבי'נס צער און וויי'טאג ווי ס'איז מלך אסור ברהטים, און וויאזוי זיין גאנצע לאנגיאריגע הארעוואניע גייט צוגרונד אויף אזא שרעקליכן אופן.

מיר האבן געמוזט שווייגן און אריינגעמען אלע חיצים ובליסטראות וואס מ'האט אויף אונז געווארפן פון מערערע ריכטונגען, אלעס נישט בארירן דעם מצב הבריאות פון רבי'ן ז"ע מחמת כבודו של מלך. מיר האבן געהאפט אז ס'איז א צייטווייליגער דורכגאנג און מיר זענען גרייט געווען צו שווייגן און ליידן, אפילו אויב מ'האט גענוצט דעם שווערן מצב אונז גורם צו זיין שרעקליכע בזיונות און עגמת נפש. און מען האט זיך באנוצט בשרביטו של מלך, צו פייניגן

און שופך דם זיינע געטרייע קינדער, זיינע געטרייע תלמידים וחסידים וואס זענען געווען דבוק ומקושר מיט אים אלע יארן.

אבער ליידער איז געקומען צו א מצב וואס החרש לא נוכל!

אויב דער מציאות איז אז מ'דערוואגט זיך לאחר מטתן של ת"ח צו גיין מספר זיין דברים שלא היו ולא נבראו, און נוצן הוראות וואס מ'האט מפרסם געווען בשמו פון אונזער הייליגן רבי'ן קעגן דעם אמת'ן דעת קדשו וואס ער האט כסדר מיט אונז געלערנט און גע'חזר'ט, און מ'וויל דאס אראפשטעלן לדורות כאילו דאס איז געווען דעת קדשו, ובפרט נאך וואס חשוב'ע רבנים און תלמידי חכמים באנוצען זיך מיט די ווערטער וואס בשקר יסודם אדער זענען ארויסגעצויגן געווארן פון רבי'ן זי"ע אין די שוואכע צייטן, איז געקומען די צייט ארויסצוגיין בפני קהל ועדה און דערציילן דברים כהוויתן.

ס'פעלט בכלל נישט אויס פאר אונז – די וועלכע האבן דאס מיטגעהאלטן און מיטגעלעבט און מיטגעוויינט טאג טעגליך – נאר כדי ס'זאל פארשריבן ווערן בעט ברזל ועופרת פאר די קומענדיגע דורות וואס מ'האט געטון מיט דעם צדיק.

און באמת וואלט שוין דער בלויזער פאקט אז אלע לאנגיאריגע געטרייע תלמידים וחסידים פון רבי'ן זי"ע, וועלכע זענען אים כסדר נאכגעגאנגען אין פייער און וואסער , האבן יעצט מיטאמאל – לכאורה – באשלאסן נישט אויסצופאלגן זיין באפעל. דאגעגן אלע זיינע לאנגיאריגע שונאים און בלוט צאפער, האט מיטאיינמאל אנגעכאפט א 'רוח טהרה' און זיך נעמען שרייען אז 'מען פאלגט נישט דעם רבי'ן', דער פאקט אליין וואלט געווען גענוג צו דינען אלס קלארער באווייז וואס עס איז געווען דער מצב און מציאות פון יענע תקופה.

אבער היות ס'זענען נאך אלץ דא מענטשן וועלכע שעמען זיך נישט מיט א בלעכענעם פנים צו לייקענען שמש בצהרים און זיי בויען תילי תילים של הלכות אויף די ווערטער וואס וואלט געווען בעסער שכיסן עתיק יומין, דערפאר זענען מיר געצווינגען ארויסברענגען דעם אמת וואס איז גענוג צו שאפען א כלליות'דיג בילד על כל פרטיה ודקדוקיה, און מיט א ציטערדיגן פעדער זיך נעמען צו די גאר האקעלע און אחריות'דיגע מלאכה הקשה שבמקדש.

## דאס איז דער גרעסטער נחת רוח פארן רבי'ן זי"ע!

אקדמות מילין, בעפאר מ'לאזט זיך אריין אין די ווייטאגליכע פרשה איז וויכטיג דא אראפצוברענגען די ווערטער פון הייליגן חוות יאיר אין א תשובה (סי' קנ"ב), אויף די ווערטער פון רב ששת אז "כד ניים ושכיב רב אמר להא מילתא", וואס איז לכאורה א שטארקער בזיון און נישט קיין דרך ארץ פאר א תלמיד צו זאגן אויף זיין רבי אז ער האט געזאגט א הלכה ווען ער איז געווען פארשלאפען, איז דער חוות יאיר מסביר ווי פאלגנד:

"האמת יעשה דרכו, כי מאמר כד ניים ושכיב אינו לגנאי רק שבח גדול ומופלג, שלפי מעלתו ומדרגתו של רב א"א לומר עליו שטעה בטעות כזה אם לא שאמרו כד ניים ושכיב" [אין אידישער איבערזעצונג: "דער אמת איז אבער, אז צו זאגן אז ער איז געווען פארשלאפען איז נישט קיין שאנד, נאר גאר א גרויסער און שטארקער לויב, וויל לויט די הויכע מדריגה פון רב קען מען נישט זאגן אויף אים אז ער האט געמאכט אזא שטארקן טעות, אויב נישט אז ער האט עס געזאגט ווען ער איז געווען פארשלאפען"!].

דא ביי אונז זענען די ווערטער ממש קילורין לעינים. נישט דאס דערציילן דעם אמת איז דער בזיון, אדרבא, דאס איז א "שבח גדול ומופלג" צו זאגן אויפ'ן רבי'ן אז ער איז חלילה נישט

געשטרויכלט געווארן ביי אזא הארבן ענין, וואס ער אליין האט אלע יארן מיט אונז געלערנט און גע'חזר'ט וויאזוי מ'דארף זיך אומגיין מיט אזעלכע זאכן.

און נאכמער, דאס אויסקלארן דעם ענין איז אויסער יעדן צווייפל א געוואלדיגער נחת רוח פארן רבי'ן זי"ע בגנזי מרומים, אז ס'זאל חלילה נישט בלייבן קיין שאטן פון קיין ספק אין זיין אמת'ן רצון, און ביים זען וויאזוי זיינע תלמידים וחסידים קלאמערן זיך ווייטער צו זיין הדרכה, און וועלן זיך האלטן דערצו ביז משיח'ס טאג. ס'זאל חלילה נישט זיין דבר שנצטער בו אותו צדיק יכשל בו זרעו!

זעלבסטפארשטענדליך אז מיר וועלן פרובירן צו שפאצירן אויף דעם דינעם שטריק מיט די גרעסטע מאס זהירות און איינגעהאלטענקייט וואס פארלאנגט זיך אין דעם ענין, ויה"ר שלא יצא מכשול מתחתת ידינו. אבער דאס ביסעל וואס מיר מוזן יא שרייבן איז אויך הקולר תלוי בצווארם פון די וועלכע האבן זיך געוואגט אויסצונוצן די שווערע אומשטענדן פאר זייער פערזענליכן אינטערעס, אן קיין התבוננות אויף די שווידערליכע קאנסעקווענצן פון זייערע מעשים.

**"נישט דאס דערציילן דעם אמת איז דער בזיון, אדרבא, דאס איז א "שבח גדול ומופלג" צו זאגן אויפ'ן רבי'ן אז ער איז חלילה נישט געשטרויכלט געווארן ביי אזא הארבן ענין, וואס ער אליין האט אלע יארן מיט אונז געלערנט און גע'חזר'ט וויאזוי מ'דארף זיך אומגיין מיט אזעלכע זאכן.**
**און נאכמער, דאס אויסקלארן דעם ענין איז אויסער יעדן צווייפל א געוואלדיגער נחת רוח פארן רבי'ן זי"ע בגנזי מרומים, אז ס'זאל חלילה נישט בלייבן קיין שאטן פון קיין ספק אין זיין אמת'ן רצון, און ביים זען וויאזוי זיינע תלמידים וחסידים קלאמערן זיך ווייטער צו זיין הדרכה, און וועלן זיך האלטן דערצו ביז משיח'ס טאג. ס'זאל חלילה נישט זיין דבר שנצטער בו אותו צדיק יכשל בו זרעו!"**

## סאטמאר'ס הארץ ווערט צובראכן

די ערשטע סימנים איבער א חולשה אין רבי'נס מצב הבריאות זענען ארויסגעקומען סוף שנת תשנ"ו, הארט נאך די שווערע אפעראציע וואס דער רבי זי"ע איז אריבער יענעם זומער אויף די ניר, כידוע.

קודם האט מען געזען 'עפעס' ביי די דברות קודש פונעם רבי'ן ביי די חנוכת הבית פון דעם "בית רחל – בנין מארקאוויטש", און נאכמער ביי די גרויסע יארצייט סעודה פאר רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע אין כ"ו אב. והדברים ידועים, עס ליגט איינגעקריצט אין יעדנס הארץ מיט אנגסט און ווייטאג.

די טויזנטער אנוועזנדע חסידים וועלכע האבן געלעכצט צו הערן דברות קדשו פון רבי'ן זענען געווארן טיף שאקירט און ביטער אנטוישט. במשך דעם גאנצן יאר תשנ"ז זענען סאטמארע חסידים געווען אין א בחינה פון נים ולא נים, ווערלנדיג זיך בארואיגן אז ס'איז נאר א צייטווייליגע שוואכקייט, און האפפענדיג אז דער רבי וועט בעזרת ה' זיך געהעריג ערהוילן און צוריקקומען צו די כוחות בגוף ובנפש. אזוי האט מען געהאפט און אזוי האט מען מתפלל געווען, און יענע צען יאר איז דער נאמען 'משה בן ברכה סימא' נישט ארויסגעלאזט געווארן פון קיין איין קאפיטל תהילים.

יענעם ווינטער, בעת דער רבי זי"ע האט געוויילט אין פלארידא לבריאות גופו הטהור, האט דער רבי געזאגט פאר תלמידו הנאמן הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א איין פארטאגס אז ער איז באזארגט, ווייל מ'האט איהם געגעבן אונטערשרייבען א צעטל, און ער געדענקט נישט דעם תוכן, און ער קען עס יעצט נישט טרעפן.

א יאר שפעטער, בשנת תשנ"ח, איז פארגעקומען דער היסטארישער יובל העשרים פארן הייליגן מוסד "קרן הצלה". יעדער האט געארבעט מיט'ן גרעסטן התלהבות אז דער מעמד זאל דורכגיין מיט'ן גרעסטן סוקסעס וואס מעגליך. תושבי קרית יואל, אונטער די פערזענליכע הדרכה פון כ"ק רבינו שליט"א, דאן קרית יואל'ער רב, האבן אריינגעברענגט א קאלאסאלע סומע און זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש פאר די הצלחה פון די מסיבה.

די גדולי הדור, חברי הבד"ץ דירושלים עיה"ק, זענען ארויסגעקומען קיין אמעריקע אין שפיץ פון גאב"ד ירושלים הגה"ק מהרי"מ דושינסקיא זצ"ל, און גאנץ סאטמאר האט זיך געגרייט מיט גרויס שפאנונג צום היסטארישן מעמד.

ווי אנטוישט זענען מיר אלע געווארן ווען דער רבי זי"ע האט נישט משמיע געווען דברות קדשו ביי די היסטארישע מסיבה לשם שמים.

ווי שטארק מען האט נישט געוואלט שלום מאכן מיטן מצב איז ליידער דער מציאות געווען אז דער רבי האט אויפגעהערט צו זאגן תורה, סיי בשבתות ומועדי השנה, ווי אויך האט ער מער נישט משמיע געווען דברות קודש ביי קיין מאורעות און כינוסים.

ס'זענען נאך געווען דאן געציילטע פעלער וואס דער רבי האט יא זיך אויפגעשטעלט און משמיע געווען קורצע דברות קודש, וואס האט אונז איבערגעפולט מיט א שמחה דקדושה און באנייט פון צייט צו צייט די האפענונג אז דער רבי וועט יא קענען אנגיין געהעריג מיט די עבודת הקודש ביז משיח'ס טאג, אבער וואס מער צייט ס'איז פארביי אלס מער האט מען זיך אנגעהויבן צוגעוויינען צום נייעם מציאות, האפנדיג יעדן טאג אויף ביאת המשיח – וואס דער רבי זי"ע זעלבסט האט אלע יארן אזויפיל געקאכט דערין און עס טיף איינגעפרעגלט אין אונז און אונזערע קינדער – ווען עס וועט זיין חדש ימינו כקדם און השיבה שופטינו כבראשונה.

איבער די קומענדיגע אנדערטהאלבן יאר זענען פארגעקומען פארשידענע געשעענישן און מערכות ביים יהדות החרדית, און סאטמארע חסידים האבן שוין רעזיגנירט צום פאקט אז דער רבי זי"ע איז ליידער מער נישט דער ראש המדברים, און מ'האט נישט די זכי' צו האבן זיין פייערדיגןווארט אלס הולך בראש המחנה.

אזוי ווי אלעמאל אין אזא מצב בעבר ביי רבי'ס, האט יעדער געוואלט בלייבן צוגעבינדן אל הקודש, וויטער שעפן קדושה פון זעהן די צורה, הערן די הייליגע תפילות, און אריינגיין בקודש פנימה נעמען ברכת הקודש פאר יעדן ערנסטן שריט, און אכטונג געבן אויפן רבי'נס כבוד, ווי יעדער ערליכער איד טוט פאר אן אייגענעם טאטן, עס זאל נישט פארקומען.

קיינער האט נישט גע'חלומ'ט וואס עס קאכט זיך אונטערן טיש, און וויפיל צער און עגמת נפש וועט נאך ארויסקומען פון די געטוישטע אומשטענדן.

## נפלה עטרת ראשינו – נישטא מער דעם רבי'נס הנהגה

אבער אינדערצייט וואס סאטמארע חסידים האבן אויפגענומען דעם נייעם מציאות מיט צער און וויטאג, זיך בענקענדיג צו די גוטע צייטן, האבן אין די מוחות פון די שטוב מענטשען זיך געשפינט גאר אנדערע מחשבות.

פאר די קליקע איז דער ביטערער מצב פארוואנדלט געווארן אין א גלענצנדע געלעגנהייט.

זיי זענען שוין יארן פריער געווען באזארגט וויאזוי זיי וועלן באוויזן אנצוהאלטן זייער העגעמאניע איבער די ראשי עם קודש, די צענדליגער טויזנטער סאטמארע חסידים, און די נייע אומשטענדן האבן זיי צוגעשטעלט די מעגליכקייט אויפצוקומען מיט א פלאן וויאזוי דאס דורכצופירן. אין דער צייט וואס מיר האבן אלע געהאפט און מתפלל געווען אז דער רבי זי"ע זאל אונז פירן קעגן משיח, האבן זיי געארבעט צו פארזיכערן זייער מאכט אויף "אחרי מות קדושים".

מיר האבן שוין ערוועהנט דעם אינצידענט וואס איז פארגעקומען אין פלארידא תשנ"ז, און די קאנספיראציע האט זיך צוביסלעך גענומען פארמירן. מפה לאוזן האבן יודעי דבר איבערגעגעבן אז 'משה גבאי מאכט פלענער'.

דער גרעסטער טייל האט עס נישט געוואלט מקבל זיין, מ'האט נישט געקענט גלייבן אז סיי וועלכער איד, אפילו מהגרועים שבהם, זאל קענען זיין אזוי אכזריות'דיג און אויסנוצן דעם שוואכן מצב פון אן אייגענעם רבי'ן.

> **"זינט תשנ"ח האט מען ליידער מער קיינמאל נישט געהאט די זכי' צו הערן פון רבי'ן זי"ע קיין שום ווארט אין עניני הנהגה והדרכה, אויסער ווען די אויבי איש אנשי ביתו האבן אים אויפגעשטעלט רעדן פאר זייערע פערזענליכע פאליטישע אינטערעסן!**
> **איבער די יארן זענען פארגעקומען א צאל שטורמישע מערכות בייס יהדות החרדית, וואס אין געוועגליכע אומשטענדן זענען די אויגן פון גאנץ כלל ישראל געווען געווענדן צו הערן דעם דעת תורה פונעם רבן של כל בני הגולה, אבער דער רבי זי"ע איז בעוה"ר מער נישט געווען אינעם מצב צו קענען אנהאלטן דעם רודער אזוי ווי אין די געזונטע יארן."**

ליידער מאכן זיך אפט אזעלכע אומשטענדן ביי אידן אין די עלטערע יארן, און יעדעס אידיש קינד ווייסט און פארשטייט ווי האקל און עמפינדליך אזא מצב איז. יעדע משפחה וועט ארייןלייגן די מאקסימאלסטע כוחות און גרעסטע געלט סומעס זיך צו ספראווען דאס בעסטע וואס מעגליך מיט עמיצן אין אזוינע אומשטענדן, און מ'וועט ארייןלייגן באזונדערע כוחות צו פארמיידן סיי וועלכן צער און עגמת נפש פון דעם באטראפענעם.

קיינער האט נישט געהאלטן אז די וועלכע זענען אחראי אויפ'ן רבי'נס געזונט צושטאנד וועלן דא זיך באגיין אנדערש, אפגערעדט פון קלערן אזוינס אויפן רבי'נס אייגענע משפחה.

שבת הגדול תשנ"ט האבן שליסליך און ענדליך זיך אנגעהויבן דרייען די רעדער.

דער גבאי האט דערציילט פאר הרה"ח ר' משה שעהר ז"ל איבער זיינע פלענער, און די גאס האט אנגעהויבן רודערן. רוב מענטשן האבן עס נאך אלץ נישט געגלייבט. אבער די נאכפאלגנדע טעג האבן פארוואנדלט סאטמאר'ס ערגסטן קאשמאר אין א טרוקענעם פאקט, שרייבנדיג דעם בלוטיגסטן בלאט פון איר לאנגע היסטאריע.

ס'איז איבריג און נישט דא אין פלאץ איבערצו'חזר'ן מיט אלע דעטאלן די פונקטליכע טראגישע געשעענישן פון די פאלגנדע מאנאטן און יארן, עס איז איבעריג ארויסצוברענגען וואס אלפי ישראל האבן פערזענליך צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן וואזוי גבאים ומשמשים נעמען א רבן של ישראל און זענען איהם מצער און שופך דם מיטן אנהעצען קעגן זיינע אייגענע קינדער און תלמידים טאג טעגליך, און דערביי אפשוואכען זיין מצב הבריאות, און אויפרעגן זיין לב טהור און שוואכע הארץ. מיר ווילן נישט פארקריכן פון די ארגינעלע טעמע, און דא זענען מיר אויסן צו בארירן בלויז וואס איז נוגע די טעמע פון אונזער ארטיקל.

זינט תשנ"ח האט מען לײדער מער קײנמאל נישט געהאט די זכי' צו הערן פון רבי'ן זי"ע קײן שום ווארט אין עניני הנהגה והדרכה, אויסער ווען די אויבי איש אנשי ביתו האבן אים אויפגעשטעלט רעדן פאר זײערע פערזענליכע פאליטישע אינטערעסן!

איבער די יארן זענען פארגעקומען א צאל שטורמישע מערכות ביים יהדות החרדית, וואס אין געווענליכע אומשטענדן זענען די אויגן פון גאנץ כלל ישראל געווען געווענדן צו הערן דעם דעת תורה פונעם רבן של כל בני הגולה, אבער דער רבי זי"ע איז בעוה"ר מער נישט געווען אינעם מצב צו קענען אנהאלטן דעם רודער אזוי ווי אין די געזונטע יארן.

צי ס'איז געווען די הארבע שאלה פון די שײטלען וואס מ'מאכט פון תקרובת עבודה זרה, רח"ל (תשס"ד); צי די שאלה וועגן נעמען דײטשע געלטער דורך "איחוד עולמי" (תש"ס); ווען א ליטווישער גדול האט מתיר געווען פאר די ציוני'סטישע ארכעאלאגן מפנה צו זײן קברי ישראל (תשנ"ח); ווען א צווײטער גדול האט ערמוטיגט דאס גרינדן פון די טרויעריג-באריםטע נח"ל חרדי (תשס"א); ווערים אין די וואסער אין ברוקלין (תשס"ד); האַט קאפס (תשס"ג); כשרות פון די עופות וואס לײגן אײער (תשס"ד); ועוד כהנה וכהנה מערכות וואס האבן אנגערירט גאנץ כלל ישראל, און אלע גדולי ישראל האבן נושא ונותן געווען אין די קאמפליצירטע הלכות.

בשנים כתיקונם איז דער רבי געווען דער עומד בראש המחנה, דער וואס האט גערופן די אסיפות בײ זיך אדער בײ התאחדות הרבנים, און מודיע געווען חוות דעת תורתו וועגן אזוינע ענינים, אבער סאטמארע חסידים האבן געמוזט אנערקענען דעם מציאות אז רבם ומנהיגם איז נישט בתוך הענינים און ס'איז נישט שײך געווען צו הערן דעתו הגדולה פון רבי'ן זי"ע אין די אלע ענינים.

## אויבי איש אנשי ביתו!

און טאקע דערפאר איז געווען אזוי גרויס דער ווײטאג מיטצוהאלטן אז די אײנציגע פעלער וואס דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט רעדן ברבים איז נאר געווען ווען די שטוב מענטשן האבן אים אויפגעשטעלט רעדן וועגן די אײנע טעמע. דערמיט האט מען אים נישט נאר מצער געווען און מבזה געווען פאר די אויגן פון טויזנטער אידן, נאר אויך אהערגעשטעלט א בילד כאילו ח"ו פון די אלע פראבלעמען וואס דער כלל ישראל איז באטראפען האט דער רבי נישט געפונען פאר וויכטיג עוסק צו זײן, בלויז אין די אײנע סוגיא וואס די אנשי ביתו האבען געהאלטן פאר וויכטיג. רח"ל מהאי דעתא.

עס ליגט אונז נאך גוט אין די בײנער ווען זײ האבן ארײנגעברענגט דעם רבי'ן אין ראדני ביהמ"ד א' חיי שרה תש"ס אז ער זאל אויפטרעטן ברבים רעדן וועגן דעם ענין, בלויז דערפאר ווײל א לויער האט זײ געהײסן אזוי מאנעווורירן אז זײ זאלן דאס קענען נוצן שפעטער אין געריכט.

מיר אלע זענען געזעצן דארט מיט פארקלעמטע הערצער צוצוקוקען דעם ספר תורה השרוי בצער און אלײן בײזאוינען דעם חילול הקודש, בשעת די לאנג יאריגע שונאים האבן ארויסגעוויזן זײער שמחה לאיד. נאך א לענגערע צײט וואס דער רבי האט ווידער און ווידער מאריך געווען אינעם רמב"ם'ס ווערטער "ואע"פ שיתמהמה עכ"ז אחכה לו בכל יום שיבא", האט ער אויסגעפירט זײנע ווערטער אז מ'זאל זוכה זײן צו גײן קעגן משיח צדקינו, אויף וואס דער ציבור האט געענטפערט מיט א הילכיגן אמן. ערשט דאן איז ר' יונה האלפערט הי"ו לרפו"ש, ארויפגעלאפן צום רבי'ן און אים 'דערמאנט' אז "עס איז דא א צעטל אין טאש". און

נאר נאך וואס יענער האט ארויסגעשלעפט פון רבי'נס בוזעם א צעטל האט עס דער רבי גענומען און פארגעליינט, וואס דארט איז געשטאנען געוויסע נקודות בנוגע דעם ערעור אויף דאס וויליאמסבורגער סאטמארע רבנות.

אגב אז מ'רעדט שוין דערפון מוז מען קלארשטעלן איין וויכטיגע נקודה. קיינער פון אונז האט זיך נישט געשעמט מיט די עצם דרשה פון רבי'ן זי"ע. אדרבא, אין א געוויסן זין איז יענע תקופה ארויסגעקומען דעם רבי'נס גאנצע אינערליכע פנימיות, כידוע אז אין אזעלכע מצבים קען א מענטש נישט באהאלטן זיינע אינערליכע כוונות, און דא האט מען קלאר געזען וויאזוי כל מחשבתו איז אלעמאל געווען פארקאכט מיט טיף-אינערליכע געגועים צו די גאולה שלימה, ווי אויך זיין אויסטערלישע התקשרות און התבטלות צו זיין גרויסן און הייליגן פעטער, מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע.

די בושה איז נאר געווען צוצוקוקן וויאזוי אייגענע שטוב מענטשן, אריינגערעכנט אן אייגענער זון, זאל קענען אויפשטעלן דעם הייליגן טאטן און רבי'ן וויסענדיג זיין חולשה, און מיטן פולן באוואוסטזיין פון די מעגליכקייט אז זיין הייליגער כבוד קען ח"ו נתחלל ווערן, און פארט זאל מען זיך פאר גארנישט אפשטעלן אינעם הפקר'דיגן געיעג נאך כבוד ושררה, מיט דער האפענונג אז מ'זאל האבן עפעס וואס מ'זאל קענען שפעטער נוצן אין געריכט.

דאס זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט א קורצע צייט דערויף ביי די א.ג. "מעמד הכתרה" וואס איז פארגעקומען אין קאנקארד פלאזא זאל, וואו עס האבן זיך כמעט נישט געפינען קיינער פון די צענדליגער טויזנטער אידן וועלכע זענען אלע יארן געווען 'על פי דיבורו הן נאספים' און האבן נישט פארפאסט קיין מעמד בנוכחות פון רבי'ן, און עס זענען בעיקר אנוועזנד געווען די וועלכע זענען אלע יארן געווען פארנומען צו שטערן דעם רבי'ן פון זיין עבודת הקודש, און דייקא דארט האט מען ווידער אויפגעשטעלט דעם רבי'ן רעדן וועגן די התמנות אויף די רבנות פאזיציע. אבער טראצדעם וואס די גאנצע מסיבה איז דאך געווען געווידמעט פאר די הכתרה פון דעם נייעם קאנדידאט, האט זיך ווידער איבערגעשפילט די באקאנטע סצענע.

ווידער רעדט דער רבי זי"ע וועגן דעם רמב"ם, און דאס אומגלויבליכע וואס רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע האט באוויזן מיטן אויפשטעלן אידישקייט אין אמעריקע, און ערוועהנט נישט קיין ווארט איבער דעם רבנות ווי אויך נישט איבער דעם "קאנדידאט" וואס איז דארט געשטאנען, און ער לאזט אויס מיט א ברכה און זעצט זיך אראפ. ר' עזריאל גליק און ר' ליפא טייטלבוים לויפן ווידער צו און דערמאנען דעם רבי'ן, וועלכער שטעלט זיך צוריק אויף זאגנדיג "עיקר שכחתי", און דערנאך האט ער איבערגעזאגט די פארגעשריבענע ווערטער וועגן דאס רבנות פאסטן. ס'איז איבריג אראפצולייגן וויאזוי עס האבן געשפירט סאטמארע חסידים ביים הערן דעם אנדערן צופרי וויאזוי מ'האט ווידער געמאכט ליצי ליצנות פון זייער הייליגן רבי'ן.

נאך איינמאל איז פארגעקומען אין לויף פון די אלע יארן וואס זיי האבן אויפגעשטעלט דעם רבי'ן רעדן ברבים אינמיטן יאר, ביי די לוי' פון הרבנית הצדיקת אשת רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע, וואס דאס האבן זיי אויך געטון צוליב פאליטישע צוועקן שטייענדיג בעפאר די מעיאר וואלן אין קרית יואל, ואכ"מ, און דארט האט זיך ליידער ווידער ארויסגעשטעלט דער שווערער מצב פון רבי'ן, וועלכער האט געזאגט פארשידענע זאכן וואס האבן אינגאנצן נישט געשטימט מיטן מציאות, און ארויסגעברענגט ווידעראמאל בגלוי פאר די גאנצע וועלט די אומפארשעמטע חוצפה פון זיינע שטוב מענטשן און קינדער וועלכע זענען גרייט אים צו דערנידערן קבל עולם ומלואו פאר פאליטישע מאטיוון.

און נאכמאל ווי פריער דערמאנט, די שורות ווערן געשריבן מיט בלוט, בלוט טראפט פון אונזער הארץ בשעת'ן שרייבן די ווערטער, אבער למען כבודו של אותו צדיק, איז ההכרח לא יגונה!

## מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה!

אבער העולה על כולנה, די ערגסטע זאך וואס די בני בליעל האבן געטון מיט'ן רבי'ן אין זיין שוואכן געזונט צושטאנד איז געווען דאס וואס זיי האבן עס אויסגענוצט צו מהפך זיין הקערה על פיה, לרחק קרובים ולקרב רחוקים, ממש מהיפוך להיפוך פון וואס ער האט זיין גאנץ לעבן געבלוטיגט, און כסדר געמאנט און געפאדערט פון בני בריתו ואנשי שלומו אז מ'זאל וויסן ווער מען מרחק צו זיין און וועמען מקרב צו זיין.

יארן לאנג האבן די חברה כסדר איבערגעחזר'ט פארשידענע שקרים אין נאמען פון רבי'ן, ווי אויך האבן זיי פארשפרייט בריוו וואס דער רבי האט געזאלט שרייבן, צומאל בכתב ידו, און איינמאל האט דער רבי מכלומר'שט געזאגט דורך א הוק-אפ פון פלארידא, כאילו ער טרעט ארויס קעגן זיינע נאנטסטע און געטרייעסטע מענטשן וועלכע זענען אלע יארן געשטאנען לימינו און געווען סרים למשמעתו אויף יעדן טריט און שריט.

אפגערעדט פון זייער שרעקליכן העץ קאמפיין קעגן כ"ק מרן רבינו שליט"א פערזענליך, דער בן חביב ויקיר וואס איז אלעמאל געווען נפשו קשורה בנפשו און די צוויי האבן זיך ליב געהאט א קעגנזייטיגע אהבת נפש, האבן זיי יעצט אומאויפהערליך געהעצט דעם רבי'ן מיט אן אויסטערלישן רשעות און אכזריות. אפילו די אייגענע קינדער האבן זיך נישט אפגעהאלטן פון העצן דעם רבי'ן ברבים און ביחידות קעגן זיין באליבטן זון, מיט אלערליי שקרים און בלבולים. יעדער נארמאלער מענטש וואס האט שוין געהאט אמאל עלטערן אין דעם מצב ווייסט ווי האקל די אומשטענדן זענען און וויפיל מ'דארף זיי אפהיטן פון הארץ עסעניש און עגמת נפש, אבער זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט.

דערקעגן האבן זיי פרובירט מיט אלע כוחות צו שאפן אן איינדרוק כאילו דער רבי זי"ע האט צוריקגעדרייט פון זיין אומצאליגן ווארענען אז מ'זאל מרחק זיין די אלע מהרסים ומחריבים וועלכע האבן קיינמאל נישט אפגעשטעלט זייער פראוו פון צוברעכן די הייליגע קהלה.

ס'איז אפילו געווען געציילטע מאל וואס זייערע העצערייען האבן מאמענטאל געווירקט אויפצוהעצן דעם רבי'ן זי"ע קעגן זיין געטרייען זון און די געטרייע ראשי הקהלה, בפרט ווען עס איז געווען פריוואט אינדערהיים אד"ג נאך וואס זיי האבן געהעצט א לאנגע צייט פריער, אבער פארט האבן זיי נישט געקענט באווייזן אויסצורייסן דעם טיף-איינגעפודעוועטן רוחניות'דיגן קשר צווישן טאטן און זון, אדער צווישן רבי'ן און זיינע חסידים.

פאר יעדעס מאל וואס ס'איז זיי געלונגען ארויסצוברענגען עפעס אן אויסדרוק פון רבי'ן זי"ע קעגן סיי וועמען, איז דא אומצאליגע מאל במשך די גאנצע צייט וואס דער רבי האט ארויסגעוויזן זיין איינגעבאקענע אהבה הן פאר בנו הגדול, כ"ק מרן רבינו שליט"א, און הן פאר די געטרייע ראשי הקהלה.

כדי צו פאראייביגן די פאקטן וועלן מיר דערמאנען עטליכע דוגמאות ווען די אהבה עזה איז ארויסגעקומען צום אויבערפלאך, און טאקע בפני כל עם ועדה. צי דאס איז געווען ביי די חתונה פון ר' אהרן בן הרה"ג ר' זלמן לייב טייטלבוים שליט"א ר"ח חשון תשס"ב, ווען דער רבי האט אנטפאנגען כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט אויסטערלישן כבוד והערצה ביים קבלת

פנים אין ראדני ביהמ"ד, וואו ער האט זיך אויפגעשטעלט און באפוילן אים צו ברענגען א בענקל און ווען די 'שטוב מענטשן' האבן געצעגערט האט דער רבי זי"ע געווארנט אז ער געט אים איבער זיין אייגענעם בענקל! און ענליכעס האט זיך אפגעשפילט ביי די חתונה זעלבסט אין נעווי יארק וואו דער רבי זי"ע האט ממש אויפגעשטראלט פאר שמחה ווען מרן רבינו שליט"א איז אנגעקומען.

אלע אנוועזנדע אין שפיץ פון די גדולי הרבנים ואדמורי"ם שליט"א האבן דאס פערזענליך מיטגעהאלטן, אין א צייט וואס ס'איז נאך דאן געווען אזעלכע וואס האבן געהאט מקבל געווען דעם פרעכן שקר כאילו דער רבי זי"ע האט עפעס א טינא בלב קעגן זיין געטרייען זון.

**" אין דער זעלבער צייט וואס די רשעים האבן נאכאנאנד פארשפרייט בשמו פון רבי'ן זי"ע אזוינע בריוו און מאמרים אין דעם זעלבען גייסט ווי די בריעוו אויף וואס עס איז באזירט דער 'היתר' וואס די אויבנדערמאנטע דיינים האבן אונטערגעשריבן, האט די השגחה עליונה אזוי מאנעווורירט אז עס זאל מזמן לזמן נתפרסם ווערן אויף יעדן מעגליכן וועג דער אמת, פאר די אנשי שלומינו וואס זוכען דעם אמת.**

**עס האט קיין איין איינציג מאל נישט פאסירט אז דער רבי זי"ע זאל זיך האבן געטראפן ברבים מיט זיינע קינדער און/אדער אייניקלעך, און ער זאל זיי עפעס אויפמערקזאם מאכן אויף סיי וואס פון די זאכן וואס ער האט מכלומרש'ט געשריבן אזעלכע שארפע בריוו דערוועגן."**

די מעשה איז דאן בליץ שנעל פארשפרייט געווארן איבער דער גארער וועלט און געמאכט אן אויסטערלישן רושם. אזוי ווייט אז ביי די קומענדיגע שמחה האט מען אים געמוזט שיקן א בריוו באגלייט מיט א ווארענונג אז ער זאל זיך נישט וואגן צו באטייליגן ביי די שמחה, אויס זארג אז די אנוועזנדע רבנים וועלן ווידער פערזענליך צוזען די געוואלדיגע נאנטשאפט צווישן טאטן און זון.

עטליכע יאר שפעטער האט זיך ווידער איבערגע'חזר'ט אן ענליכע פאסירונג, ווען עס איז געלונגען פאר כ"ק מרן רבינו שליט"א אריינצוגיין אל הקודש פנימה אפצונעמען מזל טוב פארן שידוך שליסן ביי זיין ערשטן אייניקל, און דעם רבי'נס טאפלטע עלטצטע אור-אייניקל. וואס דאן האט אויך דער רבי אויפגעלאכטן בצהלת פניו המאירים ווען ער האט דערזען זיין הארץ געליבטן זון וועמען ער האט דאן שוין נישט געזען ביחידות פאר א שטיק צייט.

דער רבי זי"ע האט אים פערזענליך געשלעפט א בענקל, און ער האט ארויפגערוקט דאס בענקל אז ס'זאל אויסקומען אז ער זאל זיצן אויבנאן ממש נעבן אים! די בילדער זענען דאן אנגעקומען בכל קצוי תבל און אין א בחינה פון "ויחד יתרו" האבן זיי ווידער ערוועקט א רגש של שמחה געמישט מיט צער ביי יעדן געטרייען סאטמארן חסיד.

און דאס זענען בלויז געציילטע פון מערערע אזוינע עפיזאדן וועלכע זענען פארגעקומען במשך די גאנצע תקופה צווישן רבי'ן זי"ע מיט בנו החביב כ"ק מרן רבינו שליט"א, נכדו הגדול הגה"צ גאב"ד סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א, און די אנדערע קינדער און אייניקלעך.

אין דער זעלבער צייט וואס די רשעים האבן נאכאנאנד פארשפרייט בשמו פון רבי'ן זי"ע אזוינע בריוו און מאמרים אין דעם זעלבען גייסט ווי די בריעוו אויף וואס עס איז באזירט דער 'היתר' וואס די אויבנדערמאנטע דיינים האבן אונטערגעשריבן, האט די השגחה עליונה אזוי מאנעווורירט אז עס זאל מזמן לזמן נתפרסם ווערן אויף יעדן מעגליכן וועג דער אמת, פאר די אנשי שלומינו וואס זוכען דעם אמת.

עס האט קיין איין איינציג מאל נישט פאסירט אז דער רבי זי"ע זאל זיך האבן געטראפן ברבים מיט זיינע קינדער און/אדער אייניקלעך, און ער זאל זיי עפעס אויפמערקזאם מאכן אויף סיי וואס פון די זאכן וואס ער האט מכלומרש'ט געשריבן אזעלכע שארפע בריוו דערוועגן. אדרבא, ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געגאנגען לאדענען דעם טאטן בעפאר די חתונה פון בנו הרה"ג ר' יואל שליט"א בין כסא לעשור אין יאר תשס"ג, האבן די געמיינע פארשוינען פרובירט צו דערמאנען דעם רבי'ן זי"ע אז ער זאל איבערגעבן דעם בריוו וואו ער ווארנט מכלומרש'ט רבינו שליט"א אז ער וועט נישט קומען צו די חתונה צוליב דאס און יענץ, האט דער רבי זי"ע קלאר געזאגט אז וויס נישט וואס זיי ווילן פון אים [ווי מ'קען עס הערן אויפן טעיפ].

דאס זעלבע האט פאסירט ווען הגה"צ גאב"ד וויליאמסבורג שליט"א האט בר מצוה געמאכט זיין עלטצטן קינד, און די רשעים האבן פארשפרייט א בריוו אין נאמען פון רבי'ן זי"ע אז ער וועט נישט קומען צו די בר מצוה נאר אויב 'מען גיט צוריק די געגנב'עטע הויז', אבער ווען דער וויליאמסבורגער רב שליט"א האט געטראפן דעם זיידן פרייטאג צו נאכטס אויף די גאס אינאיינעם מיטן פרישן בר מצוה בחור'ל, און געגאנגען אפנעמען מזל טוב פונעם גרויסן זיידן, האט ער זיי אויפגענומען בפנים צהלות אזוי ווי שטענדיג.

ועוד כהנה וכהנה.

## אשר קרבת רחקת, ואשר קרבת רחקת?!

זעלבסטפארשטענדליך אז אזוינע מאמענטן זענען נישט געווען באגרעניצט דוקא צו בני המשפחה. ענליכע פאסירונגען זענען פארגעקומען צענדליגער מאל צווישן רבי'ן און די געטרייע ראשי הקהלה. וויפיל די שטוב מענטשן האבן נישט פרובירט אנצוהעצן און אנדרייען איז אלעס צובלאזן געווארן ווען אימער דער רבי זי"ע האט זיך פערזענליך אנגעטראפן מיט סיי וועמען פון זיינע לאנגיאריגע גוטע פריינט.

אזוי צב"ש איז ידוע ומפורסם, און ס'איז אויך פאראייביגט געווארן אויף טעיפ לדורות עולם, אז דער רבי זי"ע האט פערזענליך אפגעלייקנט דאס ער זאל האבן אמאל ארויסגעווארפן דעם ראש הקהל הרה"ח המפורסם ר' בערל פריעדמאן שליט"א, און באשטעטיגט אז ר' בערל איז אים אלעמאל געווען א גוטער פריינט, שוין נאך וואס זיי האבן ארויסגעלאזט בשם דעם רבי'ן כאילו ר' בערל איז ארויסגעווארפן, און נאך וואס זיי האבן אויפגעשפילט א טעיפ וואו דער רבי זי"ע רעדט מכלומרש'ט פון פלארידא קעגן ר' בערל און די אנדערע חברי הנהלת הקהלה – וואס איז, אגב, פעסטגעשטעלט געווארן אלס פאלש ביי איינע פון די גרעסטע לאבראטאריעס אין אמעריקע.

באזונדער האבן די שטוב מענטשן געפירט א מערכה מיט הרה"ח המפורסם ר' שמואל אברלענדער שליט"א, וויצע פרעזידענט דקהל יטב לב ד'סאטמאר, וועלכער האט יארן לאנג גענאסן פון א ספעציעלן קירבות ביים רבי'ן זי"ע, און וואס האט אנגעהאלטן שוין לאנג נאכדעם וואס לפי דבריהם האט דער רבי אים ארויסגעווארפן פון שטוב און פון די הנהלת הקהלה. ממש יעדעס איינציגע מאל וואס דער רבי האט אים באגעגנט האט דאס פנים אויפגעלאכטן.

די חברה האבן עס נישט געקענט אראפשלינגען, ווייל דאס האט דאך ווידער און ווידער צושמעטערט זייער טעאריע און מלוכה וואס זיי האבן אויפגעבויט אויפן סמך פון רבי'ן זי"ע,

און דעריבער האבן זיי אונטערגענומען א ספעציעלע מערכה כבידה אפצוהאלטן דעם רבי'ן פון זיך טרעפן מיט ר' שמואל, ביז די קאמישסטע און לעכערליכסטע מיטלען.

דער שרייבער פון די שורות איז פערזענליך אנוועזנד געווען ווען דריי נאכשלעפער פון דעם משמש האבן זיך אריינגעשטופט פארנט פון ר' שמואל ווען ער האט אפגעווארט ווי געוועגליך דעם רבי'ן זי"ע ביים אראפגיין פון באלעמער נאך קריאת התורה, און זיי האבן אויסגעשפרייט זייערע טליתים פארנט פון ר' שמואל צו פארזיכערן אז דער רבי זאל אים חלילה נישט באמערקן און אים באגריסן בצהלת פניו הקדושה, ווי ער פלעגט טון יעדעס מאל וואס ער האט אים געזען.

ענליכעס האט זיך אפגעשפילט אין מאנטריאל, ווען דער רבי זי"ע איז אהינגעפארן שבת פר' לך תשס"ב לכבוד די שבת שבע ברכות אין שטוב פון כ"ק הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א, און ביי ס"ג האט ר' שמואל געוואלט צוגיין נעמען שיריים פון רבי'ן, און דער גבאי האט אליין געמוזט ארויפקריכן אויפן טיש און אים פיזיש אפהאלטן פון קענען צוקומען צום רבי'ן, אויס זארג אז די סאטמארע חסידים אין די ווייטע מאנטריאל זאלן נישט זען 'חלילה' מיט די אייגענע אויגן דעם צהלת פנים מיט וואס דער רבי זי"ע נעמט אויף ר' שמואל'ן.

אזעלכע עפיזאדן זענען אויך פארגעקומען מיט הרה"ח ר' דוד הויער שליט"א, וויצע פרעזידענט דקהל יטב לב ד'סאטמאר, הרה"ח ר' יקותיאל צבי ווערצבערגער שליט"א, הרה"ג ראה"כ ד'סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א, און נאך פילע תלמידים וחסידים ווען די שטוב מענטשן האבן מרחק געווען בשמו פון רבי'ן זי"ע.

פארקערט האט מען אויך געקענט זען, וויפיל די חברה האבן פרובירט צו טוישן דעם אנבליק און מהלך פון רבי'ן זי"ע כלפי די מענטשן וועמען ער האט אלע יארן מרחק געווען, איז נתפרסם געווארן קלונם ברבים אויף דעם טעיף וואס איז פארשפרייט געווארן וואו מ'הערט ר' שאול פערלשטיין העצן דעם רבי'ן קעגן די ראשי הקהלה מיט דער טענה אז זיי מאכן חרוב די קהלה, און דער רבי זי"ע פרעגט אים איבער, "ווער, די בני יואל?!", וואס יענער האט אומפארשעמט 'באשטעטיגט' און ווייטער געפירט דעם שמועס אין דער ריכטונג, טראץ וואס דער יעניגער האט גוט געוואוסט וואס דארט גייט פאר.

אויסער דאס געמיינהייט פון גיין מצער זיין אן אלטן איד, אפילו אויב נישט קיין רבן של ישראל, אין אזוינע האקעלע אומשטענדן, שטעלט זיך ווידער ארויס פון דעם טעיף דאס ציניש גלייכגילטיגקייט מיט וואס די יעניגע האבן זיך באצויגן צו דעת קדשו פון רבי'ן זי"ע, און דאס ליצנות אויף וואס מ'האט נישט נאר אויפגעבויט די געביידע וואס האט צובראכן די שענסטע קהלה אויף דער וועלט און חרוב געמאכט גאנצע משפחות, נאר מ'וויל נאך אויף דעם היינט בויען גג על גג זיך צו שפילן מיט די הארבסטע חרמות ונידויים, אין ענינים אויף וואס קדושתן של ישראל איז באזירט!

## א טויש אונטער אזוינע אומשטענדן מיינט גארנישט, נישט להלכה און נישט למעשה

עס דארף קלאר געשטעלט ווערן אז דאס וואס מיר האבן געשריבן איז נאר פשוט ווייל אזוי האבן די פאקטן זיך אפגעשפילט. אבער באמת לאמיתו איז דאס אינגאנצן נישט משנה. אפילו אויב דער רבי זי"ע וואלט באמת געזאגט אדער געשריבן אנדערש פון זיין אייגענע מיינונג איז קלאר אז עס האט נישט דאס מינדסטע האפט להלכה, אזוווי ער האט אליין

געלאזט הערן דעתו הגדולה מערערע מאל, און ספעציעל אנגעזאגט צוויי פון די געציילטע מענטשן וועמען ער האט געטרויעט, מחשובי העדה פון דאס שענסטע וואס סאטמאר פארמאגט, אז זיי זאלן דינען אלס עדות אז ער האט געווארנט פון פאראויס אז דאס קען פאסירן אבער מ'זאל זיך נישט רעכענען דערמיט.

ס'איז בלי ספק אז ווען די שטוב מענטשן האבן אויסגענוצט שוואכע אומשטענדן און זייער לאנגיאריגן כח הזרוע אראפצומאלן א נייעם מציאות כאילו דער רבי זי"ע האט געטוישט זיין מיינונג מקצה אל הקצה אין די זאכן אויף וואס ער האט אלעמאל געבלוטיגט, אז דאס איז מיט גארנישט מחייב די אלע וועלכע זענען סרים למשמעתו. און ווי מיר האבן שוין ערווענט פריער, איז דער פאקט ווירקליך אז ס'איז נישטא מער ווי בלויז געציילטע מענטשן וועלכע האלטן אמת'דיג אז דער רבי זי"ע האט זיך געטוישט די מיינונג. כמעט אלע געטרייע תלמידים וחסידים האבן פארשטאנען דעם אמת'ן דעת קדשו נאך אפילו בעפאר זיי האבן געהערט די צוויי כשר'ע עדות איבערגעבן זיין הייליגן רצון.

ווידעראום די אלע וועלכע פאררופן זיך היינט על שמו בנוגע דעם ענין פון צוברעכן קהלתינו הק' – אריינגערעכנט אויך א טייל פון די חותמים אויפן 'היתר' איבער וואס דער ארטיקל באציט זיך – וויסן פונקט אזוי גוט וואס דעם רבי'נס אמת'ע מיינונג איז געווען, אבער ס'האט זיי קיינמאל נישט אינטערעסירט דעת ורצון קדשו, און זיי זענען קיינמאל נישט געווען שמחים בשמחתו ומצטערים בצערו, איז דעריבער נישט קיין וואונדער אז אויך יעצט רעכענען זיי זיך נישט מיט זיין אמת'ן רצון. נאך ביז'ן היינטיגן טאג זענען זיי אזוי פארקאכט אין זייער מלחמה קעגן אונזער הייליגן רבי'ן, אז ווען דער זון האט פרובירט א נאמען געבן זיין ישיבה "ברך משה" לשמו ולזכרו פונעם טאטן, האט די שנאה גלויה ארויסגעשפראצט במלוא עוזו און אים געצווינגען צוריקצוציען פון זיין פלאן.

[אגב, האט יענע געשיכטע ווידער געוויזן ווער עס זענען דארט די ריכטיגע מנהיגים, און אז די יעניגע זענען ווייטער א טייל פון די אלטע מהרסים וועלכע ווילן אראפווארפן פון זיך יעדן מינדסטן עול פון הנהגה אויב עס שטימט נישט מיט זייערע אינטערעסן.

דאס איז וויכטיג צו נאטירן, ווייל ס'איז שטארק נוגע די אנדערע נקודה וואס ווערט ארויסגעברענגט אינעם קונטרס אז דא איז נישט די רעדע פון מערערע "קהלות שנתפרדו", נאר איין קהלה און דערקעגן אקיבוץ של אנשים וועלכע ווילן אלעם אויסער א רוחניות'דיגע הנהגה, און דעריבער איז נישט רעכט זיי אנצורופען קהלה בכלל. איז היות ס'איז דא ווער עס וויל אפטיילן צווישן די צוויי פראקציעס, איז וויכטיג ארויסצונעמען די ריכטיגע לערע פון די מעשה'לע, אז ביידע האבן דעם זעלבן ציל פון מהרס זיין, נאר זיי זענען מחולק אויפן צוגאנג וויאזוי מ'וועט עוקר זיין חלילה די הייליגע קהלה און איר געוואלדיגן כח הקדושה, הי' לא תהי'.

ודי בזה].

* * *

דאס אויבנדערמאנטע איז גענוג און איבריג אראפצושטעלן א בילד פון וואס דא האט זיך אפגעשפילט אין די יארן וואס דער רבי איז געווען מחולל מפשעינו, ואין אתה רשאי להאריך במקום שאמרו לקצר. אויך דאס ביז אהער געזאגטע איז אונז אנגעקומען מיט טרערן אין די אויגען, און מיר וואלטן גערן פארשוויגן גענצליך די גאנצע טעמע ווען נישט וואס דער פרישער בריוו האט אונז אריינגעצווינגען אין די אומאנגענעמע ארבעט פון אוסשרייען דעם אמת, עס זאל בלייבן למשמרת.

מיר ענדיגן אונזערע שורות מיט א בקשת מחילה פון מרן רביה"ק זי"ע. טראץ וואס עס איז זיכער אז ער אליין, אלס איש האמת ביי וועמען דער אמת האט דורכגעבראכן אלע טירן און טויערן, וואלט פון אונז געמאנט און געפאדערט להעמיד דברים על מכונם און נישט איבערלאזן חלילה דעם איינדרוק כאילו ס'איז געווען תורה חדשה מאתו תצא, פארט איז יתכן אז ס'איז ארויסגעקומען א פגיעה כל שהוא אין כבוד קדושתו, און דערפאר בעטן מיר פון אים סליחה ומחילה.

און גלייכצייטיג איז דא דאס ארט צו בעטן פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע ער זאל איינרייסן פארן כסא הכבוד שילמדו תועים בינה, און דער חילול שם שמים אין וואס מ'האט אריינגעשמירט זיין הייליגן נאמען זאל שוין אפגעשטעלט ווערן.

ובפרט איז ידוע וואס דער הייליגער ישמח משה האט פארשפראכן אז ער וועט נישט אריינגיין אין גן עדן ביז משיח וועט קומען, אבער צדיקים האבן געזאגט אז מ'האט אים אריינגענארט אין גן עדן. אויך דער רבי זי"ע וועלכער איז געווען קרוי על שמו האט אומאויפהערליך ארויסגעוויזן די הייליגע געגועין וכסופין צו די גאולה שלימה, און ס'איז שוין די העכסטע צייט אז זייענדיג בגנזי מרומים זאל ער טון אלעס וואס נאר מעגליך אויסצו'פועל'ן אז אידן זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן. ווער נאך ווי אים ווייסט ווי ווייט דער מצב איז שוין רייף דערפאר.

ויה"ר מיר זאלן בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון דעם ביטערן גלות דורך משיח צדקינו, ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.

# דער אמת

## איבער די "מכתבי קודש"

די בריוו בשם רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס ווערט נתפרסם אז זיי זענען געשריבן געווארן בשנת תשס"ב, זוכן צו שאפען דעם איינדרוק אז נאכדעם וואס ער האט ח"ו געזאלט האבן מקבל געווען געוויסע לשה"ר קעגן בנו הגדול כ"ק אדמו"ר שליט"א האט ער מחליט געווען צו גרינדן נייע מוסדות כדי די ערליכע אידן אין קרית יואל זאלן האבען גוטע מוסדות וואו מחנך צו זיין זייערע דורות.

כאטש עס איז איבריג יעדעס ווארט בנוגע דאס נאמנות פון די בריוו, ווען קיינער מאנשי שלומינו איז נישט מסופק אז אזעלכע בריוו זענען נישט געשריבן געווארן מרצונו ודעת קדשו פונעם רבי'ן ז"ל, און עס איז א בזיון נורא פארן רבי'ן צו מפרסם זיין אזעלכע בריוו נגד רצון ודעת קדשו, פארט איז וויכטיג צו ציילן ווי די בריוו זענען מזויפים מתוכם, און זענען זיך אליינס סותר מיטן מציאות.

לאמיר כאפן א בליק און בודק זיין די פאקטן, צו זען ווי לעכערליך דאס איז.

- **דער ערשטער בריוו (כ"ט שבט תשס"ב) איז א מודעה כלליות און 'נתינת רשות' פאר אנ"ש און דער צווייטער בריוו (ח' אדר תשס"ב) פאר כ"ק אדמו"ר שליט"א. דאס איז קלאר נגד השכל צו שרייבן פארן זוהן 10 טעג נאכדעם וואס מ'האט שוין געשריבען פאר אלע אנ"ש.**

- **אין דעם צווייטן בריוו ווערט אפילו נישט ערוועהנט אז מ'האט שוין געשריבען מיט צען טאג פריער איבער דעם ענין פאר אנשי שלומינו.**

- **אין קיין איינע פון די צוויי בריוו טרעפט מען נישט קיין בקשה אז מ'זאל תשובה טוען, אזוי ווי דער סדר איז ווען א טאטע שרייבט פאר א 'דורכגעפאלענעם קינד'. און א רבי פאר א תלמיד, מ'טרעפט אויך נישט קיין קרעכץ קיין תפלה, אדער אויסדרוק פון האפפענונג אז "ילמדו תועים בינה" וכו'.**

- **איןביידע בריוו שטייט א לשון אז ער גיט רשות מייסד צו זיין א נייע קהלה און/אדער מוסדות, איז די תמיה גדולה אויב האט רבינו הק' באשלאסען צו גרינדען א נייע קהלה און נייע מוסדות, איז דאך דאס זיין אחריות אלץ מנהיג און מרא דאתרא, וואס מיינט אז ער גיט רשות? פאר וועמען גיט ער רשות פאר זיך אליין?! ער איז דאך דער רב ומרא דאתרא, און ער איז ביכולת צו טון וואס ער וויל, מי הוא ואיזה הוא וואס האט געבעטען רשות, און ווער איז דער וואס האט באקומען רשות?!**

- **בכלל איז קלאר אז אויב ח"ו האט מען זיך געפונען אין א מצב וואס די מוסדות אדער די אנפירערס זענען אראפ פון דרך הישר, וואלט רבינו הק' "פארלאנגט" מ'זאל גרינדען נייע מוסדות, נישט "ערלויבט".**

- **די רבי זי"ע האט זיך געטראפען מיט יבלחט"א כ"ק אדמו"ר שליט"א כמה פעמים נאך דעם דאטום פון די בריוו, און האט קיינמאל נישט אויפגעברענגט דעם נושא. עס איז כדאי צו באמערקען אז קוים 2 וואכען דערנאך, כ"ד אדר תשס"ב האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אפגענומען ברכת מזל טוב צום שידוך פון בנו הרב יואל שליט"א, (בבית גיסו הגה"צ רבי חיים יושע שליט"א) בלי רמז כלשהו אויף די בריוו. (יא, עס איז אמת אז דער הויז בחור האט געהאלטען עפעס אן ענוועלאפ און געבעטען אז דער רבי זאל דאס איבערגעבן, אבער דער רבי האט נישט געוואלט איבערנעמען און ער האט געזאגט אז ער ווייסט נישט וואס דער בחור וויל).**

- למען הפונקטליקייט איז כדאי אנצומערקן אז זייער כולל (סאסמאן'ס) האבען זיי מייסד געווען אלול תשס"א (6 חדשים בעפאר דעם אזוי גערופענעם רשות) און זייער ביהמ"ד איז געעפנט געווארען פרשת וישב תשס"ב (10 וואכען בעפאר דעם א.ג. רשות). לויט ווי עס ווערט באריכטעט אין "דער איד" פון יענע וואך (וישב ס"ב).

- קיין איינער פון אונזערע אנשי שלומינו וואס זענען געווען ביים רבי'ן נאך דעם זמן (אין די לעצטע פיר יאר בחיים חיותו), האבען קיינמאל נישט געהערט קיין רמז ורמיזה פון קריטיק אויף אונזערע מוסדות. אדרבא ער האט שטענדיג נאר גערעדט בשבח ובקדושת מוסדותינו בקרית יואל.

- אויך האט קיינמאל נישט פאסירט אז דער רבי זאל פרעגן סיי ווען מאנשי שלומינו צו זייערע קינדער לערנען אין "זיינע" נייע מוסדות.

- דער עצם הרעיון האט נישט קיין פשט און איז ממש נגד השכל, עס איז פארשטענדליך אז אויב די מנהלים פון זיינע מוסדות פירן זיך נישט אויף כהוגן, האט ער זיי געדארפט קודם פרובירן צו באזייטיגן, און שטעלן אנדערע במקומם, אזוי ווי ער האט געטון בשנת תש"ן מיט די אלטע הנהלה.

- ר' מאיר הירש הי"ו וואס איז עומד בראש פון הנהלת המוסדות, די מוסדות וועלכע האבען זיך מ'כלומר'שט נישט געפירט כהוגן, איז געווען א יוצא ונכנס ביים רבי'ן באופן רגיל, און אפילו פאר איהם האט רביה"ק נישט ערוועהנט קיין ווארט. ספעציעל איז מערקווירדיג אז בשנת תשס"ה (3 יאהר נאך די בריוו) איז ר' מאיר הי"ו געווען אין דעם זומער היים פון רבי'ן צו לאזען שרייבן אן אות אין א ספר תורה, ווי אזוי שטימט דאס?!

- פארוואס איז קיינמאל אפילו נישט ארויסגעקומען קיין כרוז בכתב פון רבי'ן צו פארלאנגען פון אנשי שלומינו ארויס צו נעמען די קינדער פון די "אפגעפארענע" מוסדות און ארייגעבן צו "זיינע נייע" מוסדות. וואס האבען זיי מורא געהאט, אז מ'וועט איבערפרעגן?

- אויב האט די רבי זי"ע מייסד געווען א נייע קהלה, ווי אזוי האט פאסירט אז פון די גרעסטע מקורבים מאנשי ביתו זענען געבליבען דאווענען ביי די פסול'ע קהלה לאנגע יאהרן דערנאך, כל זמן קהלתינו הק' האט נישט געטוהן קיין פעולות דערוועגן.

- ווי אזוי האט פאסירט אז פון די זעלבע מקורבים האבען ערשינען און אויפגעטרעטן ביים דינער פאר אונזרע מוסדות און קרית יואל, לאנגע יארען נאכדעם דער רבי האט לויט די בריוו זיך אפגעזאגט דערפון. מ'האט משבח געווען און געשטיצט פינאנציעל די א.ג. אפגעפארענע מוסדות.

- אויב האט די רבי מייסד געווען א קהלה, פארוואס האט ער במשך די גאנצע תקופה פון איבער פיר יאהר קיינמאל נישט איבערגעטרעטן די שוועל דארט.

- און פארוואס האט ער קיינמאל נישט געפרעגט פון די אנשי שלומינו אשר השכימו לפתחו, צי זיי דאווענען אין זיין נייעם ביהמ"ד.

- פארוואס האט נישט פאסירט אז פון די אלע הונדערטער אידען פון קרית יואל יע"א וואס זענען זיך גאגאנגען געזעגנען בעפאר א חתונה, אז דער רבי זאל מכבד זיין, הייסן אדער בעטן די מחותנים אפילו איין מאל, מ'זאל מכבד זיין אן אנדערן מיט סידור קידושין.

אבער די אלע קשיות זענען נישט קשה פאר אנשי שלומינו, וועלכע וויסען קלאר אז די בריוו זענען בשקר יסודם, אדער זענען זיי געשריבען געווארען אונטער אומשטענדן וואס ערלויבט נישט צו פרעגן קיין קשיות.

# דאקומענטן

בית דין צדק לכל מקהלות האשכנזים
ע״י העדה החרדית פעיה״ק
ועד העיר לקהלות האשכנזים
פעיה״ק ירושלם תובב״א
ת. ד. 5006

BETH DIN ZEDEK
OF THE ORTHODOX
JEWISH COMMUNITY
JERUSALEM, P.O.B. 5006

טלפון Tel. 2?2806

ב״ה פעיה״ק ירושלים ת״ו יום כ״ו לחודש אדר ב׳ שנת תשמ״ט.

## קריאה ואזהרה ומורה

אנו הביד״צ דפעיה״ק ת״ו, הננו לחוות דעת תורתינו הקדושה כדלהלן:

קריה קדושה ונאמנה קרית יואל במאנרא יע״א, זו שיסדה וטיפחה רבינו הקדוש רבן של כל בני הגולה כ״ק אדמו״ר מרן מסאטמאר זיע״א בכדי לתת ליראים נס להתנוסס מקום מבטחים לכל השרידים אשר ה׳ קורא, ובשארית כוחותיו האחרונים הקים פינה יקרה זו אשר ממנה תצא תורה ויראה בדרכו הק׳ בשיטה ברורה ואיתנה לכל באי עולם. והמקום הזה נעשה מרכז רוחני כביר, קריה נאמנה מלאה חכמים וסופרים, תתי״ם וישיבות וכוללים, בתי חינוך לבנות, והכל בתכלית הצניעות כמדור דור, ומבצרי דת לשם ולתהלה כאשר היה באמנה אתו, בלבו הטהור של מרן הקדוש זצוקללה״ה.

ולאחרונה שמענו בכאב ובחרדה על פעולות שע״י איזה אנשים מקרב הקריה, שאנו רואים בזה הירוס יסודות הקהילה הק׳ ופירצה והירוס בחומת הקדושה שהקים רבינו הקדוש נבג״מ לשארית פליטת ישראל סבא, ומרידה בסמכות התורה של הרבנים הגאונים שליט״א העומדים על משמרת הקודש תחת הנהגתו והדרכתו של גאון ישראל ופארו הגאון הקדוש צדיק יסוד עולם כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א, אשר מאז הסתלקות מרן זיע״א, לו העוז והמשרה לנהל ולהנהיג עדת ה׳ ולהגן על כל פירצה שלא תבוא ח״ו, עד ביאת ינון. ועל זאת ידוו כל הדוים כי אותם היחידים לא ידעו ולא יבינו שגורמים במעשיהם הריסת פעליו של מרן הקדוש זי״ע, ונותנים יד להחליש כח התורה ולפריקת עול הקהלה הקדושה.

ומכאן מודעה רבא לאורייתא ואזהרה חמורה בכח תורתינו הקדושה כי חלילה מלתת יד למעל הזה, וכל שכן שחלילה לסייע באיזה אופן שהוא לכל מוסד או מפעל שנותן יד במישרין או בעקיפין להחליש או להרוס ח״ו את מוסדות הקודש שהקים צדיק הדור ומגינו כ״ק מרן הקדוש זי״ע מסאטמאר.

אנו קוראים לכל אלה שהתקוממו ח״ו נגד הקהלה קדושה או מוסדות הקודש הנ״ל, שיחשבו היטב עד כמה המה גורמים סכנה ליהדות החרדית הצרופה, ויחזרו בתשובה, להחזיר עטרת הקהלה הקדושה וסמכותה ליושנה, וישכנו בטח ושאנן מפחד, וירוו רב נחת דקדושה מיו״ח ורבינו הקדוש ימליץ טוב בעדם, וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עלינו ויהא ימין ה׳ רוממה.

החותמים בכח חודתינו בצפי׳ לרחמי שמים כ״ו אדר ב׳ תשמ״ט.

נאם משה ארי׳ פריינד ראב״ד פה עיה״ק ת״ו    נאם ישראל משה בלאאמו״ר הגה״ק מהרי״צ זצוק״ל דושינסקי
נאם ישראל יעקב פישער
נאם בנימין ראבינאוויטש
נאם אברהם דוד הורוויץ

הנני מצטרף בזה לקריאת הקודש והאזהרה החמורה של הגאונים הצדיקים שליט״א הביד״צ.

ומתוך חרדה הנני קורא ומבקש בכל לב שיתבוננו בעוד מועד לתקן המעוות ויחזרו מצעד חמור זה שפוגע ח״ו בכבוד רבינו הקדוש הרב הרומה למלאך ה׳ צבקות כ״ק מרן מסאטמאר זי״ע, וכאשר יקיימו קריאתינו ואזהרתינו בוודאי ימליץ טוב בעדם לטוב להם כל הימים ולהיוושע בכל ענינים.

הרוחם בכאב על עלבון התורה ובתקוה שיצייתו להוזהרת התוה״ק.

המחכה לישועה קרובה בביאת גואל צדק.

נאם יצחק יעקב ווייס רב ואב״ד פעהקת״ו.

בס"ד

ביום ב' שמיני, כ' אדר שנת תשמ"ט נתאספנו יחד דייני ומו"צ דקהלתנו הק', לדון בדבר מוסד חינוך בקרית יואל שנוסד נגד תקנת הקהלה מאז ונגד הוראת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ופרסמנו אז הוו"ד עפ"י תורתנו הק' שאסור להכניס ולחנך ילדים במוסד זה, ונשנה ונתחזק האיסור ע"י הגאוה"צ שליט"א הביד"צ דעיה"ק ירושלים תובב"א, ובראשם הגאון האדיר בעל מנחת יצחק זצ"ל, ולהבחל"ח הגאון הצדיק פאר הדור רבי משה ארי' פריינד שליט"א.

ובמשך השנים נתברר גודל הנזק ועלבון התורה וחילול שם שמים באופן נורא שנצמח ע"י אנשים הללו. וכעת נדהמנו לשמוע איך שרב אחד יצא בדברי ביטול כאילו האיסור הנ"ל נעשה בכפי'. ע"כ מצאנו מחובתנו למחות על דבריו הללו שיש בהם בזיון תלמיד חכם והירוס רב ויכולים ח"ו לגרום לביטול כל תקנות וגדרים שיצא מגאוני וצדיקי הדור במשך השנים, ותוצאותיו ח"ו מי ישורנה. ואדרבה, האיסור הוא בתקפו ביתר שאת וביתר עז, וחלילה לא יזיד שום איש לפרוץ ולעבור וגם שלא יסייע בידי העוברים על איסור הזה ח"ו. ולהשומע יונעם ותבוא עליהם ברכת טוב.

והשי"ת יערה רוח טהרה ממרום יישים במחננו שלו', ונזכה שיתקדש שם שמים על ידנו, עדי נזכה במהרה להתרוממות קרן התורה וקרן הצדיקים, בביאת משיח צדקנו בב"א.

ישראל חיים מנשה פרידמאן

משה מנחם טירנויער

געציל בערקאוויטש

(אין א אידישע איבערטייטש, אויף די קומענדיגע זייט)

# דעת תורה

## מהגאונים הצדיקים דייני קהלתינו הק' שליט"א

(איבערגעזעצט אויף אידיש)

בס"ד

מאָנטאָג פרשת שמיני פון יאָר תשמ"ג, זענען מיר זיך צוזאַמען געקומען - אינאיינעם מיט אלע דיינים און "מורי צדק" פון אונזער קהלה הקדושה - כדי צו זיין ורקגן דעם "מוסד חינוך" וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין קרית־יואל, קעגן די תקנה פון קהל און קעגן די "הוראה" פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און מיר האָבן דעמאלט פאַרעפנטליכט אונזער מיינונג לויט די הייליגע תורה, אז: עס איז אסור אריין צו לייגן די קינדער און זיי מחנך זיין אין דעם מוסד!

דער איסור איז איבערגע'חזר'ט און פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די גאונים וצדיקים, דער "בית דין צדק" פון ירושלים עיר הקודש, אין שפיץ פון הגאון האדיר בעל "מנחת יצחק" זצ"ל. און - יבלחט"א דער היינטיגער ירושלים'ער רב - הגאון הצדיק פאַר הדור רבי משה ארי' פריינד שליט"א.

אינעם לויף פון די יאָרן, איז פעסט געשטעלט געוואָרן דער גרויסער שאדן, דער עלבון התורה (די שטנדיג פון די תורה), און דער שרעקליכער "חילול השם" וואָס איז ארויס געקומען דורך די מענטשן.

איצט זענען מיר ערשטיטערט געוואָרן צו הערן, אז א רב איז ארויס געקומען קעגן דעם איסור מיט א "ביטול", מיט די קלאַגע אז מען האָט געצווינגען דאָס צו שרייבן.

דעריבער שפירן מיר פאַר א פליכט צו פּראָטעסטירן אויף זיינע ווערטער, וואָס דערין שטעקט "בזיון תלמיד חכם" און א שטאַרקער "הירוס", און עס קען ח"ו גורם זיין מבטל צו זיין אלע תקנות און גדרים וואָס די גאוני וצדיקי הדור האָבן ארויס געגעבן אין לויף פון די יאָרן, און די פאַלגן דערפון קענען גיין נאָר ווייט, ח"ו.

## אדרבא, דער איסור איז אין קראַפט, נאָך פיל מער און שטאַרקער פון פריער!

און קיין שום מענטש זאָל חלילה נישט איינרעדן עובר צו זיין אויף די תקנה, ווי אויך נישט צוהעלפן פאַר די וואָס זענען ח"ו עובר אויף דעם איסור.

ולמשמעים יונעם ותבא אליהם ברכת טוב.

השי"ת זאָל אריין שיקן א "רוח טהרה" פון הימל, עס זאָל זיין שלום אין אונזער מחנה, און מיר זאָלן זוכה זיין עס זאָל דערהייליגט ווערן דורך אונז דער "שם שמים", ביז מיר וועלן זוכה זיין עס זאָל דערהויבן ווערן דער קרן התורה און קרן הצדיקים בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

מאָנטאָג תזריע תשנ"ח לפ"ק.

ישראל חיים מנשה פריעדמאן

הק' משה מנחם טירנויער　　　　הק' נעציל בערקאָוויטש

**אליקים שלזינגער**
**ר"מ ישיבה הרמה**
ק"ק לאנדאן יע"א

ער"ח כסלו תשמ"ג

שוכט"ם לכבוד ידי"נ הרה"ג מו"ה ..... שליט"א

אחדשו"ה

דאגה בלב איש ישיחנה, וכותב אני בשבירת לב ע"ד התועים מדרך השכל שהתחברו עם אזובי קיר לנגח שארית פליטת ישראל סבא, ואם כי סכ"ם יתגברו על זה, אבל ביני לביני יש ענמ"נ, ובפרט חבל על אותה כת הרואים עצמם קנאים וזה זמן נופלים על כל מציאה לנגח את סאטמאר ולא חלי ומרגיש כי בשר עצמם חותכים.

ושמעתי בשם הנצי"ב זצ"ל שאמר מאחר שקרח הי' נחשב לגדול וראש סנהדרין איך יכלו המון עם לדעת עם מי הצדק, ואמר מאחר שראו כי דתן ואבירם הם עם קרח, אין לך ראי' גדולה מזו כי הצדק עם משה רבינו ע"ה. ועי' בפירוש העמק דבר להנצי"ב זצ"ל בפ' קרח אשר כתב שם אחר אריכות דברים ז"ל: נאמר אדם תועה מדרך השכל בקהל רפאים ינוח, כי מי שהוא י"א באמת אלא שתועה מדרך השכל הרי סופו לנוח בקהל רפאים ולהיות אפיקורוס ולבזות החכמים כמו אפיקורוס ממש ע"כ, עיי"ש. ובכתבי הגה"צ ר' ירוחם זצ"ל (המשגיח דמיר) הביא שמצא פסקא בכתב"י רבו הגה"ק ר' שמחה זיסל מקעלם (תלמידו הגדול של הגרי"י סלאנטר זצ"ל) ושם כתוב לאמר: לגדולי התורה ואנשי מעשה, יותר מאשר רצה אנטיוכוס הרשע ברשעתו לבטל תורה מישראל יוכל האדם לגרום בצדק ובתמימות ולשם שמים בנטיתו מדרך האמת.

ואזכיר מעשה כשכ"ק אדמו"ר זצ"ל הי' בירושלים, והתפלל מנחה דרכו בשעה מאוחרת לגבי מנהג ירושלים, הי' ת"ח אחד ירא"ש ומדקדק מתלמידי מרן מבריסק זצ"ל, והתרגש מאד ורץ אל מרן מבריסק זצ"ל מלא טענות על כ"ק אדמו"ר זצ"ל, ומרן מבריסק לקחו בידו לטייל עמו כשעה חדא, ומשחזר שאלוהו הנוכחים מה אמר כ"ק מרן זצ"ל, וענה, תמצית הדברים שהסביר לי, כי בימינו אין לנו מחלוקת ומלחמה בענין זמן מנחה, אבל יש לנו מחלקות ומלחמה עם הציונים, ובאשר אדמו"ר מסאטמאר עומד בראש המערכה אסור לחלוק עליו בשום דבר, ודומה הדבר להנידון ממש.

ועוד אני זוכר שבדידי הוה עובדא, שהי' ת"ח ידוע בירושלים שהי' הולך וחולק על החזון איש זצ"ל בהלכה אחת, שהחזו"א זצ"ל לא פסק כמותו. ואני הדפסתי איזה יד"ת על סמך פסקו של החזו"א, והת"ח ההוא כתב לי במרירות והשיג על הדברים, ואני הכנתי לו תשובה להלכה, והראתי הדברים למרן מבריסק זצ"ל, ואחרי העיון אמר לי, הדברים נכונים אבל תמה אני עליך שאתה מתוכח עם עם הארץ. ושאלתי בתמי' הלא הוא ת"ח מפורסם, והסביר לי "כי מי שאינו יודע מי הוא גדול ממנו ועל מי רשאי לחלוק, הרי זה עם הארץ".

וכ"ז בלי כניסה לגוף ההלכה, אשר באמת הדברים ברורים כי אין כאן כלל ענין של הלכה, ואין לשנות מן המקובל ח"ו, וזכרוני כשפעם ישבתי אצל כ"ק אדמו"ר זצ"ל (בערך שנת תשט"ז) והי' זה בליל עש"ק, ונכנס יהודי אחד ודג בידו, ואמר קניתי דג זה לשב"ק, ותמיד היינו אוכלים דג זה, וכעת אמרו לי שנתברר שהוא דג טמא, ורצה להראות לאדמו"ר זצ"ל הסימנים, ואדמו"ר לא רצה לראות אלא השיב לו "שכיון שאתה אומר שתמיד אכלנו אותו דג, הוא מוחזק לן בהיתר ונמשיך לאכלו".

סוף דבר אם היתה כתיבתי בתורת דאגה ישיחנה כאמור, אבל גם רצוני לחזק ברכים אשר לא כרעו לבעל, ולחזק העומד בראש המערכה הגה"צ אדמו"ר שליט"א להודיע כי יש עוד הסובלים בסבל ומרגישים בצער, והעיקר לא ליפול ברוח, כי כהלכה עשה לעמוד בתוקף לבלתי ליתן לשנות גבולים שגבלו ראשונים כי חלילה להתחכם עליהם, והכל נסיונות שבסוף הגלות מסתתרים בכל צורה שהוא, ואין זה אלא כדאיתא בהגינה שע"ה אומר לחבר שלך טמא שלי טהור.

והרחמן יעשה לנו נסים ויקוים בנו רבים ביד מעטים וכו' להודות ולהלל לשמך הגדול יתב"ש.

ידידו מוקירו

**אליקים**

**יצחק יעקב ווייס**
רב ואב"ד
לכל מקהלות האשכנזים פעיה"ק ירושלם תובב"א
מח"ס שו"ת מנחת יצחק
ירושלים, רחוב ישעיהו 20

RABBI I. J. WEISS
CHIEF RABBI
OF JERUSALEM
JERUSALEM, RECHOV YESHAYAHU 20

בס"ד, ירושלים, עה"ק שנכפל בו כי טוב, ו' לחודש אשר ישועות בו מקיפות, שנת תשמ"ט לפ"ק.

אשא שלו' לידיד ד' וידינ"פ עוז רב האי גאון וצדיק
אלפי ישראל הולכים לאורו, אדמו"ר הגה"ק שליט"א
מסאטמאר, ונשיא עדתנו החרדית תכב"ץ.

אחדשה"ט וש"ת וצדקתו, כראוי וכמשפט לאוהבי שמו הגדול. -בזו השעה נתכבדתי ביקרו בהני תרי אברכים יקרים מתושבי העיר הגדולה לאלקים קרית יואל רבתי, ושמעתי מהם מקרוב כל העניגים, ואחת אדבר למעכ"ק אדמו"ר שליט"א כי לא ידאג כלל, ובע"ה לא יכות וכו' על גורל הצדיקים, הק"ק והמוסדות יסדום רבה"ק זי"ע בקדושה עליונה, ובע"ה תרוממנה קרנות צדיק להאיר פני עולם בתורתו וצדקתו מתוך שמחה והרחבת הדעת בבריאות השלימות, ובע"ה בנו הרה"ג שליט"א ש"ב ביודעי ומכירי קאמינא, הוא האיש אשר לו נאה ולו יאה לישב על מדין ולהרביץ תורה לרבים ולו יתר שאת ויתר עז, לשקוד על תקוני הקהילה, שיתנהל כרצון ד' ויראיו, דרך הקודש שהתווה לנו רועה נאמן מרן רבה"ק נ"ע. וזכותו הגדול של רבה"ק נ"ע יגן עלינו ועל מעכ"ק אדמו"ר שליט"א ממלא מקומו בקודש, ויקוים דברי נעים זמירות ישראל דהמע"ה ושמתי לעד זרעו וכסאו כימי שמים, ותחזינה עיננו בהרמת קרן התורה וישראל, בביאת גוא"צ בב"א.

ידידו דושהדרג"ק שליט"א ומברכו בחג
פסח כשר ושמח בהכשר ויתרון ונזכה
לעלות לציון ברננה בבנין בית הבחירה
בב"א.

המצפה לתשועת ד' ולגאולה שלמה
הכותב וחותם לכבוד התורה
יצחק יעקב וייס
[illegible]

בס"ד, יום ד' לסדר ויעבירו קול במחנה, כ"ו אדר א' תשנ"ז לפ"ק

# זעקה גדולה ומרה

הן קול ענות הגיע לאזנינו מהנעשה בעיר קרית יואל יצ"ו כאשר נתלכדו כמה אינשי דלא מעלי אשר מאז ומקדם הוחזקו בפעולות רשע לחתור נגד הקהילה הק' ומוסדותיה ובהפצת דברי שטנה על שלומי אמוני ישראל בעתונות וכו', ולעת כזאת ירדו מדחי אל דחי והגיעו עד כדי כך להזמין הנהלת הקרי' לערכאות עכו"ם בלי רשות בי"ד רח"ל, **ומילאו סאתם בהוספת חטא על פשע והעיזו לכוף למשפט גם את הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א דשם שיצטרך להופיע לדין לפני שמונה חברי ה"דזשורי" מאוה"ע, ולא התביישו למסור עליו שדרשותיו שדורש לבני קהלתו לחיזוק גדרי הצניעות ודת תוה"ק הם בניגוד לחוקי הממשלה הנותנת חירות לכ"א לעשות כאוות נפשו** וד"ל. דבר אשר לא נשמע שיקימו בזדון ובשאט נפש לבזות כבוד התורה בראש כל חוצות באופן נורא ומבהיל כזה, **ושכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי** וכו', **ומה גדול חילול השם הנורא** שכל כתבי עת בכל קצוי תבל בוודאי יפרסמו זאת בכל פרטיה שרבם דקרו! כבודו של רביה"ק זי"ע שיסד קרי' זו כשארית כוחותיו ונושאת שמו הטהור איכה היתה... קריה נאמה וגו' צדק ילין בה ועתה מרצחים.

והומר העון של ההליכה בערכאות כבר מבואר בשו"ע חו"מ סי' כ"ו ס"א, **וכל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת מרע"ה. הג"ה ויש ביד בי"ד לנדותו ולהחרימו עד שיסלק יד עכו"ם מעל חבירו, וכן מחרימין המחזיק ביד ההולך לפני עכו"ם.**

**אנו מוחים נמרצות נגד כל אלו שיש להם יד בחילול שם שמים, ואנו דורשים ומבקשים לחדול ממעשיהם הרעים תיכף ומיד, להסיר את חרון אף ה', ולילך אך ורק לבי"ד כשר בישראל או בזבל"א כדין תוה"ק.**

והשי"ת ירחם על עמו ונחלתו, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, ולא יניח שבט הרשע על גורל הצדיקים, ויערה רוח טהרה ממרום וילמדו תועים בינה, עדי נזכה במהרה להוושע בתשועת עולמים ומלאה הארץ דעה את ה' בביאת גוא"צ בב"א.

החתימות ע"ם קבלתם

| | | | |
|---|---|---|---|
| **שלמה זלמן פריעדמאן**<br>אבדק"ק טענקא | **אברהם קליינמאן**<br>אבדק"ק מארנערטען | **אברהם יעקב הכהן פאם**<br>ר"מ תורה ודעת | **שלום קרויז**<br>אבדק"ק אודוואריי<br>מח"ס שו"ת דברי שלום |
| **שלום משה הלוי אונגאר**<br>אבדק"ק נייטרא | **אהרן טייטלבוים**<br>אבדק"ק משענסקאוויץ | **שמואל טייטלבוים**<br>באאמו"ר הה"צ מטשענסקאוויץ זצ"ל<br>רב דקהל ישועות חיים - פלעטבוש | **בן ציון הכהן קאהן**<br>אבדר"ק סענפעטער<br>מח"ס שו"ת אבני ציון |
| **ישראל חיים מנשה פריעדמאן**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל וומס"ב | **יודא הלוי טירנויער**<br>רב דקהל שומרי שבת ב"פ | **משה האלבערשטאם**<br>אב"ד דק' קיוויאשד | **יקותיאל יודא מייזליש**<br>אכ"ד סיגעים |
| **יהושע העשיל הלוי דייטש**<br>אבדק"ק פרייסאן | **עמרם טויב**<br>אב"ד דקהל ערוה"ב באלטימאר | **יעקב יוסף האלבערשטאם**<br>רב דקהל בית חיים יושע | **אברהם יהושע העשיל ביק**<br>אב"ד קהל מעזשבוז |
| **אהרן צבי טויב**<br>אב"ד האליין יע"א | **אברהם אביש הורוויץ**<br>רב דקהל מעליץ ליזענסק | **הק' ברוך כהנא**<br>באאמו"ר מוהר"ן מספינקא-ב"ב זצ"ל<br>אב"ד קארלסבורג | **ש. א. געציל בערקאוויטש**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל קרית יואל |
| **משה מנחם טירנויער**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל מאנטרעאל | **נחום אפרים טייטלבוים**<br>אב"ד קהל וואלאווע | **מנחם זכרי' זילבער**<br>אבד"ק פרייטאן וראב"ד התאח"ר | **אהרן טייטלבוים**<br>אב"ד קהל נירבאטור |
| **הלל וויינבערגער**<br>אב"ד דקהל סערדאהעלי | **יצחק אייזיק אייכנשטיין**<br>אב"ד דק' גאלאנטא | **צבי ישכר דוב כ"ץ**<br>רב דקהל בית יוסף צבי דושינסקיא | **שבתי שלמה וויגדער**<br>מח"ס ליקוטי הלכות |
| **חיים אלעזר פריעדמאן**<br>רב ור"מ דק' בני אשר דנאדפאלי | **יצחק אשכנזי**<br>אב"ד דק' אלעסק | **חיים מערץ**<br>רב דקהל תולעת יעקב | **יוסף צבי אילאוויטש**<br>אב"ד קהל שאמשאן |
| **מרדכי בצלאל קליין**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל, לעיקוואוד | **שמעי' גרינבוים**<br>מח"ס סייעתא דשמיא | **משה פריעדמאן**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל ב"פ | **מנחם מאיר ווייסמאנדל**<br>רב דקהל נייטרא מאנסי |
| **חיים דוד כ"ץ**<br>דומ"ץ דקהל יט"ל דסאטמאר ב"פ | **יעקב הלוי ראטטענבערג**<br>רב דדביהמ"ד יוצר אור<br>סאנסי יצ"ו | **דוד אייכנשטיין**<br>אב"ד בורשטין | |

הנני מצטרף עם הרבנים הגאונים שליט"א למחות נגד בזיון התורה להזמין **בנש"ק הגאב"ד מרא דאתרא קרית יואל שליט"א** לפני ערכותיהם של עכו"ם. החותם למען כבוד התורה בברכת שנזכה לגאולה שלימה בבינצ"א.

**הק' שמואל שמעלקי רובין** בהצה"ק אדמו"ר ואב"ד סוליצא זצ"ל הי"ד     **הק' מרדכי דוד רובין** בהצה"ק אדמו"ר מסאסרעגען זצ"ל הי"ד

---

היות שמחמת נחיצות הענין הוצרכנו להדפיס הקול קורא הלזו במוקדם האפשרי לכן לא היינו יכולין להמתין על החתימות של שאר הרה"ג הצדיקים שליט"א שלא הגיע אלינו בזמנו ויתפרסמו כשיגיעו לידינו אי"ה ואתם הסליחה.



קהל יטב לב דסאטמאר
מיסדו רבינו יואל זי"ע בקרית יואל מאנרא
בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א
Congregation Yetev Lev D'Satmar
KIRYAS YOEL, MONROE, N. Y.
150 RODNEY STREET • BROOKLYN, N.Y. 11211 • TEL. 387-6269.

בס"ד

כידוע שאיפת כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע זה רבות בשנים לייסד שיכון מחוץ לעיר שיתייסד במובן לפי שיטת רבינו זי"ע בענייני הקפה, חינוך והתנהגות בכלל, ובזה ראה כ"ק מרן זי"ע קיום נצחי לעבודת הקודש והמסירת נפש שהשקיע במדינה זו להעמיד הדת על תלה, ע"כ התאספנו להעמיד שיכון בעזהי"ת כפי רצון קדשו עפ"י תקנות דלהלן.

א) כל אחד ואחד מתושבי השיכון מחוייב לקבל על עצמו ולציית לתקנות והחלטות הנהלת הקהלה "קהל יטב לב ד'סאטמאר", וכן לציית לתקנות והחלטות ועד הנהלת השיכון בלי שום יוצא מן הכלל.

ב) מי שיעבור על זה ולא יציית לתקנות אלו הרשות ביד הנהלה ועד השיכון להפקיע ממנו את ביתו או את נחלתו.

ב) אין רשות לשום אחד מתושבי השיכון להוסיף על הבנין, לשנות גבולי הבית והמגרש, לשנות את הסדר החדרים וכדו' בתוך הדירה, או לחלק את הדירה שלו לב' דירות בלי רשות הנהלת השיכון.

ד) בית או מגרש נמכר על שם הקונה לבד, ואם הוא רוצה למכור, להשכיר או להוריש לאחרים את ביתו או את חצירו, כולו או חלק ממנו, צריך על זה הסכמת ועד הנהלת השיכון.

ה) שום אחד מתושבי השיכון לא יפתח חנות, בית מסחר או עסק' (בביתו או חוץ לביתו על שטח השיכון) וכדו' בלי רשות ועד הנהלת השיכון.

ו) כל תושבי השיכון מקבלים על עצמם לחיות בקביעות הדא באהבה אחוה ורעות, בלי שום פירוד ומחלוקת ח"ו, ואם המצא ימצא א"ח מי שהוא מחרחר ריב ומעורר קטטות או מעורר למרידה נגד הנהלת השיכון, הרשות בידי הועד להרחיקו מעדת קהלתינו, באופן שמשלם לו הערך מהכסף שהשקיע, אחרי שינכה לו שכר דירה עד אז.

כתב זה משמש אסכם רשמי הן בדין תוה"ק, הן להבדיל בדינא דמלכותא.

ע"ז בעה"ח ביום ______ ט' ______ תשמ"__ לפ"ק למספרם ______________

______________ בשם הנהלת הקהלה

______________ חתימת הקונה

אלימלך אשכנזי
אב"ד מעלבארן
חופ"ק חוות דעת ברוקלין יצ"ו

RABBI ELIMELECH ASHKENZI
FORMERLY CHIEF RABBI OF MELBOURNE
3900 NEPTUNE AVENUE
BROOKLYN N.Y. 11224
(718) 265-4995

ב"ה

קול ענות אנכי שומע על דבר השערוריות שיהודים שומרי תומ"צ הולכים בערכאות של עכו"ם שעל ידי זה מתחלל שם שמים וכבוד תורתנו הקדושה, מלבד חומר האיסור המפורש להלכה פסוקה בשלחן ערוך חושן משפט סימן כ"ו סעיף א' שכל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה.

## שומו שמים! אוי
## אוי שכך עלתה בימינו שהגענו לידי מצב שפל כזה.

כל ימי גדלתי בין חכמים במקומות שונים והי' גלוי וידוע לכל שאם הֶהֱין מי שהוא לילך בערכאות הוציאו אותו מן הכלל ונידון כמוחרם מקרב עם ישראל.

לבי עלי דוי על מה שהגיע לאזני שהרשו אנשים לעצמם והעיזו להזמין להביא רב גדול אב"ד ור"מ לפני ערכאות ולגרום לחילול השם - חילול כבוד התורה ובזיון הרבנות ברבים הן כלפי אחינו בני ישראל והן כלפי עולם כולו, **ופגעו בזה את מע"כ הרב הגאון הצדיק רבי אהרן טייטלבוים שליט"א אב"ד קריה נאמנה קרית יואל על שדרש ברבים על עניני חיזוק דת תורתנו הקדושה ושמירת גדרי הצניעות המקובל לאבותנו ורבותנו הקדושים, ומאשימים אותו במסוה של דיסקרימינעשען**, וכדי בזיון וקצף.

## אזהרתי ובקשתי בכל לשון של בקשה חדלו ומשכו ידיכם מצעד מגונה זה, ויפה שעה אחת קודם.

אני תפלה שהיושב מרום ירחם ויערה רוח טהרה ונזכה למלאה ארץ דעה את השם.

ועל זה באתי על החתום כ"ז אדר א' תשנ"ז לפ"ק

**אלימלך אשכנזי**

**משה ארי' פריינד**
בן הגה"צ מהר"י זצ"ל אבדק"ק הוניאד יצ"ו
**ראב"ד לכל מקהלות האשכנזים**
**ור"מ דישיבת יטב לב ד'סאטמאר**
פעיה"ק ירושלם תובב"א

בס"ד, יום מ"ב למטמונים תשמ"ט לפ"ק לס' ויתילדו על משפחותם פה עיה"ק תובב"א.

הנני בזה שמעולם דעתי הוא שח"ו לעשות דבר נגד הוראות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אבדק"ק סאטמאר יצ"ו נשיא דפה עיה"ק תובב"א ממלא מקומו של מרן רבינו הקדוש רבשכבה"ג זצוקלה"ה זיעועכי"א שכל מה שהוא עושה ופעל מחויבים אנו לקבל.

והנני מצטרף בזה לקריאת הרבנים הגה"צ דייני ומו"צ דקהל ייטב לב דשם לאסור את המוסדות שהקימו אותם שלא ע"ד מרן שליט"א והוא פריצת גדר שמהרסים בזה המוסדות הקדושים שהקימו עי"ד רבינו הקוה"ט זי"עועכי"א ומרן אדמו"ר שליט"א ממשיך דרכו ושיטתו הקדושה ואינו משנה זיז כ"ש, ומי שחולק עליו עובר על לא תסור וגו'.

ע"כ בקשתי בזה בכל לשון של בקשה שכל אלו שיש להם יד במעלה זה ימשכו ידיהם מזה ועי"ז יהיו מחזקים הדת תוה"ק ושיטתו הקדושה שמסר לנו רבינו הקדוש זי"ע, ופשיטות שאין ללכת בדרכי אלימות רק ע"ד תוה"ק ועי"ז נוכל לעמוד נגד המהרסים ובזה יהי' קיום הדת תוה"ק על תלה בעזהי"ת.

ובזכות זה שנקבל עלינו שנלך בדרך האמת יתקדש ש"ש על ידינו ובכן נזכה לברכת אבותינו אי"ו ולברכה משולשת כי"א ונזכה עי"ז להתקרבות הגאוה"ש בביאת משי"צ בב"א.

החותם בכל חותמי ברכות וישועות

**הק' משה ארי' פריינד**

# ויכתב זאת לדור אחרון

## יראו הקהל וישפוט!

די באטרעפענדע עלעמענטן האבן אין זייער לעקסיקאן א צאל 'פרומע' ווערטער מיט וואס זיי באנוצן זיך כסדר, וואס דאס איז דירעקט געצילט צו רעדן פון די הערצער פון יראי ה' תמימי לב, וואס זיי ווערן געוועהנליך באאיינדרוקט פון לויזיגע פראזן, און זענען נישט געוואוינט צו טראכטן בעומק וויפיל אמת עס ליגט אונטער די ווערטער.

איינע פון זייערע ערמה'ס איז דאס וואס נאכדעם וואס עס געלונגט זיי צו נעמען חתימות פון זייערע דיינים, דאן ווערט גלייך געקרוינט די חותמים אלס די 'פוסקי הדור' און ווער עס טרויעט זיך צו זאגן אנדערש איז אויטאמאטיש א מבזה תלמיד חכם. (אפגערעדט וואס יעדן צעטל ווערט געדרייט לויט אייגענע פאליטישע סיבות, וואס אויך פון דעם צעטל שרייט ארויס דאס אפוועזנהייט פון איינעם וואס ער איז אלץ פון די חותמים , בלויז ווייל ער וויל נישט אז מ'זאל נוצן זיין חתימה קעגן א משפחה מיטגליד אין א מקום וואו ער האט א פארקערטע אינטערעסע וד"ל).

ווי שאנדפול דאס איז דארף דאס ארויסגעברענגט ווערן דער מציאות, דער קרית יואל'ער דיין שליט"א, דער פאקטישער מורה הוראה, און איינציגסטער פוסק אחרון אין קרית יואל האט משמיע געווען זיין דעת תורה, ער האט קיינעם נישט פוגע געווען, ער האט קיינעם נישט אטאקירט, ער האט בלויז געטון וואס די תורה הק' פארלאנגט מיט דאס גרעסטע זהירות בכבוד אחרים.

דאס איז דאס ערשטע מאל וואס דער דיין שליט"א האט זיך פארזינדיגט פאר די חברה, נאכדעם וואס ביז היינט זענען צווישן זיי אויך געווען אזעלכע וואס האבן געהאט צו איהם דעם גרעסטן צוטרוי אין זייערע פערזענליכע עניני הלכה.

**הערט און שטוינט! פאר דעם איינעם חטא האבן זיך די חברה געטרויעט אין זייער אפעציעלן "תורה גליון", א גליון מיוחד פאר תורות פונעם רבי'ן זי"ע, און ריינע רוחניות'דיגע ענינים, צו אטאקירן דעם דיין שליט"א מיט לשונות של גנאי וואס מצידינו איז נאך קיינמאל נישט געטון געווארן קיין הונדערטסטל פון דעם פאר קיין שום תלמיד חכם, אפילו ווען יענער איז לגמרי נישט געווען בארעכטיגט צו זאגן זיין הוראה אין דעם פאל, און אפילו ווען יענער האט ארויסגעגעבן אן הוראה וואס האט נישט מיט עניני הלכה.**

דער פאפיר איז נישט סובל די שמות הכינוים וואס די עזי פנים שבדור האבן געשריבן פוגע צו זיין בכבודו פונעם דיין שליט"א! (טאקע ווייל עס גלויבט זיך נישט ווי ווייט די חוצפה פון די אנשי רשע האבן מיר בייגעלייגט א פאטא-קאפיע אינעם סוף פונעם קונטרס למען ידעו דעם פרצוף פון די מושחתים).

און געדענקט! קיינער פון די אלע רבנים, האט נאכנישט מוחה געווען אויף די 'אפעציעלע' פגיעה בכבוד תורתו הרמה.